THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY

A
JEWISH
CANADIAN
DAILY
Circulated
All Over
CANADA
And Abroad

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

פאליטיש
אונאפהענגיג
נאציאנאל.

א צייטונג וועלכע גיט
פרייהייט פון אויסדרוק
צו אלע שיכטען.

VOLUME XI No. 4245 RONTO SUNDAY JULY 27 1924

כה תמוז פרשה מטות ומסעי, תרפ"ד.

טאראנטא, זונטאג דער 27-טער יולי, 1924.

PRICE THREE CENTS

N. Y. Public Library
476 Fifth Ave.

פראנקרייך געסטראשעט, אז ענגלאנד וועט שליסען בונד מ[illegible]ייטשלאנד

ענגלישע צייטונג רעדט מיט באק-ציינער צו פראנקרייך פאר איהר שטערען די עליים-קאנפערענץ. — מארגאן אפגעפאהרען קיין לאנדאן. — סברא, אז מען וועט זיך אפשר באגעהן אהן די אמעריקאנער באנקירען.

)։o:(

לאנדאן, יולי 26.

די צייטונג „ספעקטייטאר" דרוקט היינט א שארפען עדיטאריעל וועגען דער עליים-קאנפערענץ אין וועלכען עס ווערט געמאכט דער סטראשונאק, אז ענגלאנד וועט שליסען א בונד מיט דייטשלאנד, אויב פראנקרייך וועט בלייבען פאראקשנ'ט אין איהר איצטיגער שטעלונג. דאס איז דער שארפסטער קאמענטאר וועגען דער קאנפערענץ וואס איז ביז איצט ערשינען אין אן ענגלישער צייטונג.

אויב די פראנצויזען וועלען ניט נאכגעבען, ווערט געזאגט אין דעם עדיטאריעל, דארף מעקדאנאלד זאגען צו פראנקרייך, אז אויב זי ברעכט אפ די קאנפערענץ, וועט קיין צווייטע קאנפערענץ ניט זיין:

„מיר האבען א ווידערווילען צו קאאפערירען מיט דייטשלאנד אנשטאט מיט פראנקרייך" לייענט זיך ווייטער דער עדיטאריעל, 'אבער מיר האבען געזעהן די קאנזעקווענצען און מיר מיינען צו נעהמען זיי. עס וועט ניט זיין ראטזאם, אין דיזען מאמענט, צו שילדערען גענוי ווי מיר קענען און זאלען האנדלען. עס איז גענוג, אז פראנקרייך זאל וויסען דאס עס איז דא א וועג אפען פאר אונז, אז עס איז פראקטיש און אז מיר מיינען, אויב נויטיג, צו נעהמען דעם וועג".

דער עדיטאריעל, אונטערגעשריבען פון רעדאקטאר אליין, געהט אן ווייטער מיט דער זעלבער פארביטערטקייט געגען פראנקרייך און סטראשעט, אז ענגלאנד וועט ניט דערלאזען דאס פראנקרייך זאל דערשטיקען דייטשלאנד.

א טאג נייעס אין טאראנטא

היינט דער עזרת נשים פיקניק

אין סקארבארא הייטס, סטאפ 33 קומט היינט פאר דער עזרת נשים פיקניק.

די גרינדערינס פון אידישען האספיטאל וועלען זיך היינט צוזאמענקומען מיט זייערע פריינט און באקאנטע און פארברענגען א פרעהליכען טאג.

א שעהנער פראגראם פאר'ן גאנצען טאג איז צוגעגרייט.

פארבאנד ארויספאהר אין היי פארק

די מיטגלידער פון אידיש נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד, און זייערע פריינט, וועלען זיך היינט נאכמיטאג צוזאמענטרעפען אין היי-פארק, וואו עס איז אראנזשירט א זעהר פרעהליכער פראגראם פאר'ן טאג.

די פארבאנד מיטגלידער אראנזשירען יעדען זונטאג אן ארויספאהר, אום צו ריידען וועגען די אויפגאבען פונ'ם פארבאנד, אין לויף פון איצטיגען זומער קאמפיין.

דער היינטיגער ארויספאהר איז אין היי פארק, ארום היי פארק עוו. און בלור סטריט.

קאמוניסטען וועלען האלטען אנטי-מלחמה פארזאמלונגען

די היגע קאמוניסטען האבען באשלאסען דורכצופיהרען די היינטיגע וואך אנטי-מלחמה פארזאמלונגען. אפען-עיר פארזאמלונגען אויף סטריט-קארנערס וועלען פארקומען יעדען טאג און שבת וועט זיין א גרויסע פארזאמלונג אין קווינס פארק.

די קאמוניסטען ערווארטען ניט, אז דער מעיאר זאל שטערען די פארזאמלונגען.

איד א קרבן פון אן אויטאמאביל

מאריס ראזענשטיין פון 8 לעאנארד עוועניו איז פרייטאג צוגענומען געווארען אין סט. מייקעל'ס האספיטאל, נאך דעם ווי אן אויטאמאביל האט איהם איבערגעפאהרען.

מארגאן פאהרט אפ קיין לאנדאן

ניו יארק, יולי 26.

דזשיי. פ. מארגאן, דער באוואוסטער אמעריקאנער באנקיר, פאהרט היינט אפ קיין לאנדאן וואו ער וועט זיכער שפילען א וויכטיגע ראליע אין דער עליים-קאנפערענץ, כאטש ער אליין, זאגט, אז ער פאהרט סתם אזוי, פאר „פלעזשור".

קאנפערענץ ריהרט זיך ניט פון ארט

לאנדאן, יולי 26.

די עליים-קאנפערענץ ריהרט זיך ניט פון ארט צוליעב די שטרייטיגקייטען צווישען די באנקירען און די פראנצויזישע דעלעגאטען. די באנקירען ווילען בשום אופן ניט נאכגעבען, אז פראנקרייך זאל קאנען האנדלען זעלבסטשטענדיג בנוגע דייטשלאנד. עס הערט זיך, אז די פראנצויזישע דעלעגאטען זוכען פלענער ווי אזוי מען זאל זיך איינגאנצען קענען באגעהן אהן די אמעריקאנער-ענגלישע באנקירען.

צוויי טויט אין מיין אומגליק

גייטס, פענסילווייניע, יולי 26.

זעקס טויטע קערפער זענען היינט ארויסגענומען געווארען פון א קוילען-מינע, וואו עס איז נעכטען ביינאכט פארגעקומען אן אויפרייס. נאך 8 מיינער פעהלען און מען האט שטארק מורא אז מען וועט זיי שוין ניט געפינען קיין לעבעדיגע.

ענגליש-רוסישע קאנפערענץ האלט ביי א ברוך

לאנדאן, יולי 26.

פון זיכערע קוועלען ווערט געמעלדעט, אז די ענגליש רוסישע קאנפערענץ מאכט דורך ערנסטען קריזיס און איהרע טעג זענען, וואהרשיינליך, געצעהלטע. עס ווערט איבערגעגעבען אז די צוויי צדדים קאנען זיך ניט אייניגען וועגען די פינאנציעלע פראגען.

באארד אוו עדיוקיישאן בויט א נייע פאבליק סקול אין אידישען געגענד

א נייע פאבליק סקול וועט אין גיכען אויסגעבויט ווערען אין דעם אידישען קווארטאל. די נייע סקול וואס וועט זיין באקאנט מיט'ן נאמען „וויליאם האוסטאן סקול" וועט זיין אויף באלדווין סטריט ביז נאסאו, צווישען ספעדיינא און אגוסטא עוועניוס.

די באארד אוו עדיוקיישאן האט איצט פארענדיגט „דיעלס" מיט צוועלף איינענטימער פון הייזער אין דיזען געגענד וועלכע באטרעפען צוזאמען 108 טויזענד דאלאר. דיזע הייזער וועלען אראפגעווארפען ווערען און אויף זייער פלאץ וועט אויפגעשטעלט ווערען די נייע פאבליק סקול.

א יאהר שפעטער דערצעהלען די קינדער, אז דער טאטע האט ערמארדעט דער מאמען

מארטינסוויל, ווירדזשיניא, יולי 25.

א יאהר נאך דער פאסירונג האבען פינף קינדער ארויסגעגעבען צו דער פאליציי אז זייער פאטער האט ערמארדעט דער מוטער. דער פאטער, אלפרעד מורליגס, א פארמער, איז ארעסטירט געווארען.

די קינדער האבען דערצעהלט, אז דער פאטער האט זיי געסטראשעט מיט'ן טויט אויב זיי וועלען אויסזאגען וואס עס איז פארגעקומען מיט דער מוטער. די קינדער האבען צוגעזעהן ווי די מוטער איז דערשאסען געווארען אבער זיי האבען ביז איצט געשוויגען אויס מורא פאר'ן פאטער.

דער ארעסטירטער לייקענט אפ די מעשיות פון די קינדער. ער זאגט, אז זיין פרוי איז צופעליג דערשאסען געווארען. דאן האבען עס איהם אלע געגלויבט.

רוסישע גלחים נעהמען זיך צו ערד-ארבייט

טיפליס, יולי 26.

46 גלחים האבען אוועקגעווארפען די קירכע און האבען זיך גענומען צו ערד ארבייט. זיי האבען געזאגט, אז זיי גלויבען מעהר ניט אין רעליגיע.

אידישער דעפוטאט אין פראנקרייך געשטארבן

פאריז, יולי 26 (איטא).

עדוארד איגנאץ, א אידישער דעפוטאט אין פארלאמענט, איז געשטארבען אין עלטער פון 62 יאהר. ער איז געווען א מיטגליעד אין קלעמאנסא'ס רעגירונג און איז געווען אן אנגעזעהענער פאליטישער טוער.

קריגס צושטאנד ערקלעהרט אין רומעניע

בוקארעסט, יולי 26.

די רעגירונג האט, צום צווייטען מאל דיזען יאהר, פראקלאמירט קריגס צושטאנד. די אורזאך ווערט אנגעגעבען אז די קאמוניסטען גרייטען צו א באוואפענטען אויפשטאנד. פארזאמלונגען זענען פארבאטען און די פרעסע ווערט שטרענג צענזורירט.

אלט 74 יאהר און האט חתונה צום אכטען מאל

ביזוער, מיסיסיפי, יולי 26.

מרס. מערי סאנדערס, 74 יאהר אלט, וועלכע איז זיבען מאל געווען אן אלמנה, האט חתונה געהאט צום אכטען מאל. דער חתן איז א. דזשיי. פיולער, 96 יאהר אלט.

חתן־כלה געפינען זיך איצט אין א מושב זקנים.

פרעזידענט פון בראזיליע איז גרייט צו אנטלויפען

בוענאס איירעס, יולי 26.

פרעזידענט בערנארדעס פון בראזיליע האלט גרייט א שיף צו קענען אנטלויפען ווי נאר עס וועט ענטשטעהן א געפאהר מצד די רעבעלען, אזוי ווערט איבערגעגעבען פון רייזענדע וועלכע זענען אנגעקומען אהער פון דער בראזילישער הויפט-שטאדט.

די אפיציעלע באריכטען פון דער בראזילישער רעגירונג זאגען, אז די לאגע האט זיך ניט געענדערט.

פון די רעבעלען קומען אן באריכטען, אז אין דער רעגירונגס-ארמיי קומען פאר בונטען, ווייל די סאלדאטען ווילען זיך ניט שלאגען געגען די רעוולוציאנערען.

דייטשע רעגירונג וויל ניט איינלאדען אידישען רעדנער צו דער מלחמה אנדענקונגס פייערונג

בערלין יולי 26 (איטא)

די היגע אידישע פיהרער פיהלען זיך שטארק באליידיגט אין צוזאמענהאנג מיט דער היי-יעהריגער פייערונג צום אנדענקען פון די געפאלענע דייטשע סאלדאטען פון וועלט-קריעג.

די פייערונג וועט פארקומען דעם 3-טען אויגוסט, אין דעם טאג ווען דייטשלאנד האט ערקלעהרט קריג אויף דעם פלאץ ביים רייכסטאג אין בערלין.

דער הויפט רעדנער פון דער פייערונג וועט זיין דער דייטשער פרעזידענט עבערט. אויסער דעם פרעזידענט זענען איינגעלאדען געווארען אלס רעדנער קאטוילישע און עוואנגעלישע גייסטליכע.

דער פארשלאג פון דער אידישער געמיינדע אז אויך א אידישער רב זאל איינגעלאדען ווערען אנטייל צו נעהמען אין דער פייערונג און הזכרה, איז אפגעווארפען געווארען. די בערלינער אידישע קהלה האט דאן ארויסגעלאזען אן אויפרוף צו די בערלינער אידען אז זיי זאלען ניט נעהמען אנטייל אין דער אפיציעלער פייערונג, אין דער זעלבער צייט וועט אפגעהאלטען ווערען א באזונדערע אידישער יזכור, אויף דעם בית עולם פון די אידישע קריגס געפאלענע אין ווייסענזעע. דער הויפט רעדנער אויף דער אידישער הזכרה וועט זיין דער פרעזידענט פון דעם פארבאנד פון די אידישע ראבינער אין דייטשלאנד, דער געוועזענער פעלד ראבינער דר. בעק.

דר. וויצמאן זאגט, אז פלאן פון אידישע אגענטור מוז אנגענומען ווערען

לאנדאן, יולי 26 (איטא).

דער ציוניסטישער אקציאנס-קאמיטעט וועלכער האלט איצט זיינע זיצונגען, פארהאנדעלט איצט די וויכטיגע פראגע וועגען דער אידישער אגענטור. דר. וויצמאן האט געהאלטען א שטארקע רעדע פאר'ן פלאן פון דער אידישער אגענטור ווי ער האט עס אויסגעארבייט און זיך פארשטענדיגט מיט די פארטרעטער פון אמעריקע.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע איז פריי צו האנדלען, האט דר. וויצמאן געזאגט, זי איז נאך ניט „געפלעדזשט" צו קיין שום פלאן, אבער איך קאן ניט צושטימען צו קיין שום אנדער פלאן, ווייל איך זעה ניט איין קיין אנדער באזיס פאר דער ארבייט. ער האט פארגעשלאגען, אז די מיטגליעדער פון דער אידישער אגענטור זאלען ערוועהלט ווערען פאר א טערמין פון צוויי ביז דריי יאהר.

דר. וויצמאן האט ערקלעהרט, אז איהם פאלט ניט איין צו פיהרען א קאמף מיט די אידישע ארבייטער אין פאלעסטינע. זיינע ווערטער וועגען דעם זענען שלעכט איבערגעגעבען געווארען.

מיר ערפאהרען, אז די פארגעשלאגענע קאנסטיטוציע פאר דער אידישער אגענטור ענטהאלט דעם אונפארענדערליכען פרינציפ, אז די ציוניסטישע ארגאניזאציע מוז האבען א העלפט פון דער פארטרעטערשאפט אין דער אגענטור און אין אלע אויספיהר-ארגאנען פון דער אגענטור. דיעזער פרינציפ קאן ניט געענדערט ווערען סיידען די ציוניסטישע ארגאניזאציע אליין וועט פארלאנגען אן אנדערען. בלויז די ציוניסטישע ארגאניזאציע קאן באשטימען ווער איהרע פארטרעטער זאלען זיין און זי קאן זיי צוריקרופען ווען זי וויל.

די פארטרעטערשאפט לויט די מדינות איז איינגעטיילט ווי פאלגט: די עקאנאמישע באארד פון ענגלאנד — צוויי, דייטשלאנד — צוויי, פראנקרייך, איטאליע, האלאנד, סקאנדינאוויע, בעלגיע, עסטרייך, טשעכאסלאוואקיע, אונגארן, יוגאסלאוויע, שווייצאריע, שפאניע, פארטוגאל, לאטוויע, עסטאניע, ליטא, פינלאנד, בולגאריע, טערקיי, עגיפטען, טוניס, אלזשיר, גריכענלאנד, מעסאפאטאמיע, אינדיע, מאראקא, ארגענטינע, בראזיליע, טשילי, אורוגווי, דרום אפריקע און אויסטראליע צו איינעם; פוילען — צעהן, ארייגערעכענט דריי פאר גאליציע; רומעניע — דריי, ועד הלאומי פון פאלעסטינע — צוויי; קאנאדע — צוויי, די פאראייניגטע שטאאטען — דרייסיג, רוסלאנד — קיינע פארטרעטער.

ווייטער ווערט באשטימט אז יעדע פארגרעסערונג מיינט אויטאמאטיש די זעלבע פארגרעסערונג פאר דער פארטרעטערשאפט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, און אז פערציג פראצענט, דאס הייסט, דרייסיג ערטער, מוזען זיין רעזערווירט פאר די פאראייניגטע שטאאטען. די קאנסטיטוציע נעהט אריין אין קראפט ווען עס ווערען באשטימט פופציג ניט-ציוניסטען, אויב זיי שליסען איין פארשטעהער פון אמעריקא און פוילען.

די עקזעקוטיווע זאל באשטעהן פון פערצען ביז זעכצען מיטגליעדער און אנפיהרען די פאליטישע ארבייט, בויען די אידישע פאלעסטינא און אנפיהרען מיט דער קאלאניזאציע.

די אגענטור פיהרט אן די פאליטישע ארבייט דורך א ספעציעלע פאליטישע קאמיטע וועלכע דארף פעריאדיש באריכטען צו דער עקזעקוטיווע און זיין פאראנטווארטליך צו איהר. דער עקאנאמישער קאונסיל ווערט באשטימט פון דער עקזעקוטיווע און דארף האבען זיין זיץ-ארט אין פאלעסטינא. דער זיץ ארט פון דער עקזעקוטיווע איז נאך ניט באשטימט.

דער קרן היסוד איז דער פינאנציעלער אינסטרומענט פון דער אגענטור וועלכע באשטימט דאס דירעקטאריום אין דער זעלביגער פראפארציע ווי די אנדערע אויספיהר-ארגאנען.

דעראו האט מורא נעמען סטודענטען אויף פארהער

דענקט, אז לעאפאלד און לאעב וועלען מאכען שלעכטען איינדרוק אויפ'ן ריכטער. — לעאפאלד האט גערעדט מיט זיין פראפעסאר וועגען מארד.

)։o:(

שיקאגא, יולי 26.

נייטען לעאפאלד און ריטשארד לאעב וועלען ניט אויפטרעטען אין זעלבסט-פארטיידיגונג. פון זיכערע קוועלען ווערט איבערגעגעבען, אז קלארענס דעראו, זייער לאיער, האט באשלאסען, אז עס וועט זיין גלייכער פאר זיי ווען דער ריכטער וועט זיי ניט זעהן פון דער נאהענט. דער טעם דערביי איז וואס די סטודענטען-מערדער פיהרען זיך אויף אין געריכט ווי די גאנצע מעשה וואלט זיי שטארק אמוזירט און אויב זיי זאלען זיך האלטען אזוי אויפ'ן וויטנעס-סטענד קאנען זיי נאר ברענגען זיך שאדען.

די אנקלאגע פארציהט אלץ שטארקער די פעטליע אויף די ברוטאלע מערדער.

נעכטען האט דער דעטעקטיוו, וויליאם קראט, איבערגעגעבען אין געריכט וועגען א שמועס וואס ער האט געהאט מיט לעאפאלד'ען. דער מערדער האט צוגעגעבען זיין שולד און האט ערקלעהרט, אז ער האט געפלאנעוועט צו באגעהן זעלבסטמארד, אבער ער איז ארעסטירט געווארען פלוצלונג און האט ניט געהאט קיין געלעגענהייט צו דורכפיהרען זיין פלאן.

פראפעסאר פוטקאמער האט דערצעהלט, אז א טאג-צוויי נאכ'ן פרענקס-מארד, האט לעאפאלד געשמועסט מיט איהם וועגען דעם. ער האט געוואלט וויסען וואס דער געזעץ איז אין דעם פאל.

מאנטאג וועט די אנקלאגע פארברענגען די ערקלעהרונגען וואס די סטודענטען האבען געמאכט צו דער פאליציי וועגען דעם מארד.

גרונדשטיין נעלעגט פאר א נייע האי-סקול

דער גרונדשטיין איז פרייטאג געלעגט געווארען פאר א נייער האי-סקול אויף בלור סטריט, וועסט פון דאפרין. אין דער צערעמאניע האבען זיך באטייליגט אלע מיטגליעדער פון דער באארד אוו עדיוקיישאן, די שטאדט-טאטעס מיט מעיאר הוליז בראש און פילע אנדערע פראמינענטע מענשען.

די נייע געביידע וועט קאסטען 124 טויזענט דאלאר.

פאשיסטען רייסען ארונטער רויטע פאהן פון אמבאסאדאר'ס אויטאמאביל

רוים, יולי 26.

א גרופע פאשיסטען האט נעכטען ארונטערגעריסען די רויטע פאהן וואס האט געפלאטערט אויפ'ן אויטאמאביל פון רוסישען אמבאסאדאר, בעת דער לעצטער איז געפאהרען מיט איינינע געסט. מיליטער איז אנגעקומען און האט ארעסטירט די פאשיסטען.

ווייץ שטייגט אין פרייז

וויניפעג, יולי 26.

ווייץ שטייגט איצט אין פרייז יעדען טאג. נעכטען איז דער פרייז ארויפגעשטיגען ביז א דאלאר און 46 סענט א בושעל.

15 אידען דערהרג'עט אין פאגראם אויף א שיף

פאגראם איז פארגעקומען אין סאוויעט-רוסלאנד אויפ'ן טייך דיעסנא. — אידישע פאסאזשירען געווארפען אין טייך, ניט-אידען האט מען ניט געטשעפעט.

)։:(

ריגא, יולי 26 (איטא).

אויף א שיף וואס איז געפאהרען אויפ'ן טייך דיעסנא, צווישען מאקארשין און נאווגאראד-סעווערסק, האט אן ארגאניזירטע באנדע געמאכט א פאגראם אויף די אידישע פאסאזשירען. אלע אידען האט מען געכאפט און געווארפען אין טייך ארײן. די ניט-אידישע פאסאזשירען האט מען ניט געטשעפעט. פופצעהן טויטע אידען האט מען שוין ארויסגענומען פון טייך. און מען רעכענט, אז עס פעהלען נאך אידען.

היינט א וויכטיגע פארזאמלונג פון דער אימיגראציאנס געזעלשאפט

די אימיגראציאנס-געזעלשאפט האט פארופען אויף היינט פריה א פארזאמלונג אין 218 סימקא סטריט און אלע דעלעגאטען פון די ארגאניזאציעס ווערען ערווארטעט צו דער פארזאמלונג.

די היינטיגע פארזאמלונג איז זעהר א וויכטיגע דערמיט וואס פלענער מוזען אויסגענומען ווערען ווי אזוי צו באגעגענען און באזארגען א גרויסע צאהל פליכטלינגע וועלכע ווערען ערווארטעט אין טאראנטא די היינטיגע וואך.

מר. קויפמאן, וועלכער פיהרט אן מיט דער ארבייט פון דער אימיגראציאנס געזעלשאפט, פאהרט אפ היינט אווענט קיין האליפאקס באגעגענען די נייע גרופע פליכטלינגע.

די שיף ווערט ערווארטעט דינסטאג אדער מיטוואך.

נוירים דערטרונקען

דזשין מעקראו, א היגע נויר פון 10 גלענהליק עוועניו, איז פרייטאג דערטרונקען געווארען אין ענגלהארט.

אנגעקומענע שיפען

„מאנטקאלם" פון ליווערפול אין מאנטרעאל.

בילדונגס קאמיסאר זאגט, אז סאוויעט דארף העלפען אידישע פארמער

מאסקווע יולי 26 (איטא).

רימענשטיין, דער איצטיגער בילדונגס קאמיסאר אין סאוויעט-אוקראינע, שרייבט אין „פראוודא", אז די אידישע מאסען זענען רואינירט געווארען דורך דער רוסישער רעוואלוציע ווייל זייער עקאנאמישער מצב איז געווען א שלעכטער אונטער צארישען רעזשים. די איצטיגע רעגירונג מוז העלפען די אידישע מאסען צו פארנעהמען זיך מיט ערד-ארבייט, ערקלערט דער שרייבער.

המון שמירט אויס מיידעל אין פעך און פעדערן

פרעדעריק, מערילענד, יולי 26.

א יונגע מיידעל, דאראטי גרענראז, איז אטאקירט געווארען פון א המון וועלכער האט איהר אויסגעטאן נאקעט און אויסגעשמירט איהר אין פעך און פעדערן.

עס ווערט באהויפטעט, אז דער המון איז אנגעפיהרט געווארען פון א פרוי וועלכע האט פארדעכטיגט דער מיידעל אין פיהרען א לינקע ליבע מיט איהר מאן.

פאלעסטינישע רעגירונג ערלויבט שפילען די אפערא „די אידין", אבער אהן א קארדינאל

ירושלים, יולי 26, (איטא).

די פאלעסטינישע רעגירונג האט ענדליך ערלויבט דער העברעאישער אפערא געזעלשאפט אין ירושלים, ווייטער אויפצופיהרען הלוי'ס באוואוסטע אפערא „די אידין", מיט'ן תנאי אבער אז ניט א קארדינאל און ניט וועלכער עס איז אנדערער גייסטליכער זאל פארגעשטעלט ווערען אויף דער ביהנע.

די פינף אידענטומס אין טשעכאסלאוואקיע

אונזער אייראפעאישער קארעספאנדענט לעאן כאזאנאוויטש מאכט יעצט א רייזע איבער טשעכאסלאוואקיע, פון וואנען ער וועט אונז צושיקען א רייהע אינטערעסאנטע בריעף.

די ערשטע קארעספאנדענץ זיינע וועט זיין געדרוקט דינסטאג אין „זשורנאל".

„דעם גענעראלס טאכטער"

א ראמאן פונ'ם באריהמטען דייטשען ראמאניסט

ב. קעלערמאן

(פארזעצונג)

אבער וואס איז דא פלוצלונג געשעהן? זיין מאשין האט פלוצלונג זיך אנגעהויבען צו וואקלען אהין און אהער, מעכטיג האבען געפענדעלט איהרע פליגעל, הייגץ האט זיך אין א שרעקליכע ערשטוינונג ערוואכט פון זיין באנייטערונג. די מאשין האט אנגעהויבען פאלען...

אבער הינטער דער פאלענדער מאשין האט זיך שנעל געטראגען, ווי א ריזיגער הויב־פויגעל א פיינדליכע פליהמאשין. ווי א שטיין, וואס פאלט אראפ פון דער הויך, האט זיך דער פיינדליכער עראפלאן בליטשנעל א לאז געטאן אראפ נאך הייגצ'עס פליהמאשין אין דער טיעף פונ'ם לופטים. ער האט זיך א לאזגעטאן ווי א הויב־פויגעל נאך זיין קרבן. דער פיינדליכער פליהער האט אין זיין מאסקע אויסגעזעהן ווי א שד, און נאך איינער, וואס איז געזעסען אן א זייט פונ'ם פיינדליכען פליהער האט זיך געאיילט אפצופאטאגראפירען מיט זיין אפאראט דעם ראזיגען קאפ אין די אויבערשטע שיכטען פון דער לופט.

ווי א קליין פליגעלע האט געפלאטערט דער דייטשער עראפלאן אין דער לופטען און פלוצלונג האט זיך דערזעהן פאלען עפעס א געגענשטאנד פונ'ם עראפלאן — עפעס א קערפער איז ארויסגעפאלען פון דייטשען עראפלאן און איז שנעל פארשוואונדען געווארען אין דער טיפעניש פונ'ם לופטים.

ווען הויפטמאן וואנגדערליך האט באקומען די ידיעה וועגען דעם דאזיגען אויסגאנג פונ'ם לופט־קאמף, האט ער מיט די נעגעל צוריסען זיין פנים און געשריגען: איך קען עס ניט מעהר אריבערטראגען, ניין! ס'איז איבער מיינע כחות אזא אומגליק אריבערצוטראגען...

* * *

— שווער צו פארשטעהן! מערקווירדיג! — האט זיך ארויסגעריסען פון הערבסט'ס מויל און ער האט א ווארף געטאן זיינע קליינע הענט אין דער לופט. פארחידושט איז ער געווען אין דער גרעסטער מדרגה.

— וואס א מענשען קאן איינפאלען! ס'ארא נארישקייטען און פאנטאזיעס עס קענען איהם אין קאפ אריין! בערלין ניט מעהר ווי א בארג מיסט!...

איינגעהילט אינ'ם לאנגען געלען מאנטעל, אינ'ם שטייפען הוט ביז איבער די אויערען, איז דער אלטער הערבסט געזעסען אין האלב־טונקעלען גאסט־צימער פונ'ם „לייב פון אנטווערפען". מיט איהם איז פארגעקומען א גרויסע ענדערונג, וועלכע האט זיך שטארק געווארפען אין די אויגען אריין: ער האט שוין מעהר ניט געטראגען קיין קראגען. פריער פלעגט ער טראגען א נידעריגען קראגען מיט א שווארצען קראוואט. ווער עס קען די שיכורים ווייס, וואס אזא ענדערונג באדייט, וואס עס באדייט, אז א שיכור הערט מיט אמאל אויף צו טראגען א קראגען מיט א קראוואט...

אנטקעגען איהם איז געזעסען דער בעל־הבית פון שענק, דער הויקער גלייקע און אויפ'ן טיש איז געשטאנען א פלאש מיט משקה. דער הויקער האט זיך צוהוסט און דערנאך אין דער שטיל צום אלטען געזאגט:

— יא, בערלין איז איצט ניט מעהר ווי א בארג מיסט. בערלין שטעלט מיט זיך איצט פאר א ריזיגע חורבה. און ראבען...

— ראבען, ראבען זאגט איהר?

און א שוידער איז אריבער איבער הערבסט'ס גאנצען קערפער.

— דער הימעל איז געווארען שווארץ פון די מחנות ראבען, וואס האבען זיך געטראגען אין דער לופטען. זיי האבען זיך געטראגען אין הימעל, ווי די וואלקענס... המ... און מתים האבען זיך דא און דארט געוואלגערט אויף דער ערד. זיי האבען אויסגעשטרעקט די הענט פון די קופעס מיסט, זייערע בלויע הענט.

— ס'ארא שרעקליכער חלום! און קיין מענשען האט מען מעהר ניט געזעהן, זאגט איהר?

— קיין מענשען, קיין לעבעדיגע נשמה ניט, נאר אש און פארקויהלטע בעלקעס. דא און דארט איז צווישען די אנגעווארפענע בערגלאך געשטאנען א פארלאזענער הארמאט. אבער קיין איינציגער מענש.

— א, וואס איך הער! ס'איז דאך א שרעק, א גרויל דאס, וואס איהר דערצעהלט!

— און דערנאך האט אנגעהויבען צו שנייען...

— גוט מארגען! — האט אין דער זעלבער רגע געזאגט א קלאהרע, ניכטערנע, אבער באשיידענע שטימע, און די ביידע הערען, הערבסט און דער הויקער, האבען אויסגעשטעלט די אויגען אויפ'ן מענשען, וואס האט זיי געזאגט דעם גוטען מארגען.

אין צימער איז אריינגעגאנגען א שוואבינקער יונגערמאן, האלטענדיג זיין הוט אין דער האנט, און האט זיך לייכט פארבייגט פאר הערבסט'ן און דעם הויקער.

— איך בעט אייך מיר ענטשולדיגען. דאס זענט איהר הער הערבסט?

ציטערענדיג האט זיך הערבסט אויפגעהויבען פון זיין ארט. יא, אבער, וואס איז די מעשה, וואס ער האט אנגעהויבען ציטערען, דערזעהענדיג דעם שוואבען יונגען מאן. א פנים, דעם אלטען הערבסט'ען איז געווען ניט אנגענעהם, וואס דער גאסט זעהט איהם אין אזא צושטאנד פון אפגעלאזענקייט און — א פלעשעל משקה, צייטענווייז האט זיך דער אלטער זעהר געשעהמט, וואס ער האט זיך אזוי אראפגעלאזט און וואס ער געפינט זיך אין דער שליטה פונ'ם ביטערען טראפען.

— כ'האב מיט אייך עפעס צו רעדען — האט צו איהם געזאגט דער יונגערמאן.

— מיט מיר צו רעדען? געוויס וועגען...

— אבער ניט דא אין שטוב. איך האב מיט אייך צו רעדען וועגען א וויכטיגען ענין. זייט זיך מטריח געעהרטער הער הערבסט און קומט מיט מיר מיט. מיר וועלען זיך אויף דער גאס דורכרעדען וועגען אלץ.

און זיי ביידע האבען פארלאזט דאס צימער. דער הויקער האט מיט זיינע ביער־אויגען זיי נאכגעקוקט, ניט אויפהויבענדיג זיך פון זיין ארט. ער האט אין דעם שוואבען יונגענמאן דערקענט א פאליציי־אגענט.

ארויסגעגאנגען פון שענק האט דער יונגערמאן געבעטען הערבסט'ען, ער זאל מיט איהם מיטגעהן אראפ אויף דער פאבריציוס־גאס.

און דער אלטער הערבסט האט זיך, אביסעל צוהינקענדיג, נאכגעשלעפט נאך דעם יונגענמאן, אויסגעהענדיג פון שרעק און פיל מיט פארשידענע שלעכטע השערות. דאס הארץ האט איהם געזאגט, אז עס רוקט זיך אויף איהם אן נייע צרות און אנשיקענישען.

ווי שטענדיג האבען די קינדער זיך געשפילט אויף דעם טראטואר, היינט אבער האבען זיי ניט געוואגט צוצוגעהן צו דעם אלטען הערבסט, ווייל דאס מאל האבען זיי איהם געזעהן געהן מיט ניט קיין באקאנטען מענשען.

מיט א הילכיגען געזאנג האבען די קינדער, אנגעטאן אין לומפען, זיך געדרעהט אין א קאראהאד, ארום א קליין מיידעלע, וועלכע האט געהאלטען עפעס א שמאטע איבער'ן קאפ. א שווארצער הונט מיט א קורצען שווארצען עק האט זיך דא ארומגעדרעהט מיט די קינדער די גאנצע צייט, וואס זיי האבען זיך געשפילט. דער הונט איז געווען זעהר א מאגערער און נאר זיין שרעקליכער מאגערקייט האט ער געהאט צו פארדאנקען, וואס ער לעבט נאך, מ'שטייגט געזאגט, אויף דער וועלט, ווייל אלע הינט און קעץ זענען שוין לאנג פארשוואונדען געווארען. די הונגעריגע באפעלקערונג האט זיי שוין לאנג איינגעגעסען.

(ווערט פארגעזעצט)

עלעקטרישען

הויז ווייערינג און ריפיירס, עסטימיטס. קיין דזשאב צו גרויס אדער צו קליין. קיין שאדען צו די דעקאראציעס ביים פיקסען.

מיר סופלייען אויך מיט עלעקטרית פיקטשורס און לעמפס.

סוירזוים עלעקטריק קאמפאני
166 מארקהאם סטריט.
טעלעפאן טרינטי, 9276 W.
27 באלדווין סטריט
טעלעפאן טרינטי 3248 J

מיידלאך און ווייבלאך

ארדערט אייערע דרעסעס ביי
מרס. גלאסמאן

מיט 5 דאלאר א דעפאזיט קענט איהר ארדערען די שעהנסטע און סטיילישסטע דרעסעס צו ביליגע פרייזען. אויב ניט צופרידען קריגט איהר אייער געלט צוריק. מיר מאכען אויך מיט אייער ווארע, גוט און ביליג.

16 בעלוויו עוועניו
טעלעפאן טריניטי 0538 J

האט איהר אויגען טראבעל?
האט איהר קאפ שמערצען?
דאן זעהט זיך מיט דעם אידישען
אפטאמעטריסט
— און אפטישען —
וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערמענט
דר. הענרי העררים
279 קאלעדזש סט.
(לעבען ספעדיינע)
אפען ביז 9 אוהר אין אווענט
DR. HENRY HARRIS
EYESIGHT SPECIALIST
Phone Trinity 6604
279 College St. Near Spadina
Open until 9 p. m.

רעילוויי טאיס

די קענעדיען נעשאנעל ריילוויים זענען אין מארקעט צו קויפען זייערע „טאים", וואס פאדערען זיך פאר'ן יאהר 1925. פערזאנען וואס ווילען פראדוצירען „טאים" פאר די ריילוויי קאמפאני זאלען קאמוניקירען מיט וו. ה. גרענט, דזשענעראל „טאיי" אגענט, רום 802 קענעדיען נעשאנעל עקספרעס בילדינג, מאנטרעאל, פאר דער ביז דעם 5־טען אויגוסט, 1924, און אנגעבען די פאלגענדע אינפארמאציע: די לאקיישאן פון דעם בוי־מאטעריאל, פון וועלכען די „טאים" דארפען פראדוצירט ווערען, דעם סארט בוי־מאטעריאל, די קוואנטיטי פון „טאים" געזעגטע אדער געטשעפעטע. אזוי ווייט ווי מעגליך מוזען די „טאים" פראדוצירט ווערען אויף די קענעדיען נעשאנעל ליניעס.

געלט צו אנטלייען

אויב איהר דארפט געלט אויף ערשטע, צווייטע אדער דריטע מארטגיידזשעס סעקיוריטי. טעלעפאנירט אדער זעהט מיך

מ. קאפלענס
81 ליפינקאט סטריט.
טרינטי 6952 J

יעקב מ. בענעט

(פריז בענעט און קעמעראן)
באריסטער. סאליסיטאר
נאטאריעס א. נ. פ.
2901 דאנדעס סט. וועסט טאראנטא
טעלעפאן דזשאנקשאן 9077
וואוינונג טעלעפאן דזשאנקשאן 983

לואיס ווייגער
דער אידישער יוניאן
סיין פיינטער
פון 74 דאנדעס וועסט
האט געמופט נאך 559 בעי סט.
נעבען דאנדעס.
טעלעפאן טרינטי 1973 F

חזן קאפלאנ'ס

נייער אדרעס איז
484 בראנזוויק עוועניו
טעלעפאן הילקרעסט 6171 W
אפיס 11 קאלבארין סט.
טעלעפאן מיין 2907.

זעלטענע געלעגענהייט

צו סייפען געלט.
מרס. גאלדמאן

די גוט אנערקענטע דרעסמייקערין, ווינשט באקאנט צו מאכען צו אלע מיידלאך, דאס ספעשעל פאר'ן מאנאט יולי וועט זי ארבייטען צו רעדוצירטע פרייזען ווי פאלגט:

אלע קאטאן דרעסעס צו זעקס דאלאר.

זומער דרעסעס צו דריי דאלאר. צופרידענהייט גאראנטירט.

אדרעס 358 דאנדעס סט. וועסט
טעלעפאן, טרינטי 2232.
1684-7-29)

MRS. T. VAN CAMP & SONS

איינציגער מאנופעקטשורער פון ביסלי'ס ביטערס, דער דראגלאזער הערב טאניק און בלוט רייניגער. נידעריגע וויטאליטעט מיינט שלעכטע פארדייאונג, פאראיזאבעגריג גאז און עסיד, וואס צושמעדט און שוואכט אפ יעדען טייל פון קערפער.

שווינדזיכטיגע און פערזאנען וואס זענען געטראבעלט מיט נערוועזיטעט, נוריטיס, שלעכטען מאגען, קידני טראבעל און אנדערע קראנקהייטען ווערען געזונט און געווינען וואג.

שווינדזיכטיגע נעמען ביסלי'ס אסטמא און לונגען מיקסטשור מיט ביסלי'ס ביטערס.

עס זענען דא אין טאראנטא פיעלע שווינדזיכטיגע וואס קאנען באשטעטיגען אונזערע סטייטמענטס. זיי זענען געזונט געווארען און ארבייטען ווידער.

געשוואלענע און שמערצליכע פיס זענען א רעזולטאט פון וואסער אין די לונגען. מיר העלפען אייך.

די סיסטעם, וואס איז דער איינציגער וועג צו געהאלפען ווערען.

פארקויפט אין סימפסאנ'ס, טעמבלינ'ס און אלע דראג סטארס. טעלעפאנירט און שרייבט צו 1152 רענפארט עוו. טעל. דזשיראד 9321.

1911-8-23)

בוק־מופט

בוק און קאמפאני, טיילארס, טרימינגס, מופט אין 69 דאנקען סטריט ניער קווין, עטליכע טירען איסט פון געוועזענעם פלאץ. קאנטרי ארדערס פינקטליך אטענדעט. פיקטשורס צו פארקויפען.

1934-8-24)

פערזענליכעס

העפטאטשיק רעילא, בערקא יאסלעוויטשא 65, קאנסק, זוכט סאלאמאן גאלד, וועלכער האט לעצטענס געוואוינט אין טאראנטא. ער האט מיט 10 יאהר צוריק געלאזען זיין פרוי און טאכטער, וועלכע איז 12 יאהר אלט. זעהר וויכטיגע נייעס פאר איהם. נאכפרעגען אידישע אימיגראנטען געזעלשאפט, 218 סימקא סטריט.

1949-8-1)

SUMMER RESORTS

דער גוט באקאנטער אלענטאף־לעווין זומער רעזארט

איז'ן סאמע ברעג פון לייק אנטאריא, איז יעצט ערעפענט פאר'ן זומער סעזאן. מיר גאראנטירען די פרישסטע און בעסטע שפייזען, ליכטיגע און לופטיגע רומס. מיר האבען הייאהר ניט געשפארט קיין מיה און געלט די רומס צו דעקארירען.

זעהר מעסיגע פרייזען און צופרידענהייט גאראנטירט.

אונזער פלאץ איז בלויז 2½ שטונדען רייזע מיט דער טריין. עס איז אויך די בעסטע וועג פאר מאטארינג דורך דער פראווינשעל הייוויי.

נאכפרעגען שריפטליך אדער דורך טעלעפאן:

Allentoff & Levine, Grafton, Ont.

Erindale Clifton Garden Inn

איז יעצט אפען פאר דעם זומער סיזאן.

מיר נעהמען יעצט אויף אפליקיישאנס שריפטליך אדער ביי טעלעפאן פרייזען זעהר מעסיגע, גוטע שפייז גאראנטירט, שעהנע לופטיגע רומס, וואסער צום באדען זיך.

עס איז בלויז איין האלבע שטונדע רייזע מיט דער באס גלייך ביז צום פלאץ.

דירעקשאנס:

נעהמט דאנדעס קאר ביז ראנימייד ראוד. נעהמט קוקסוויל באס ביז אירענדייל, בלויז 15 מייל פון טאראנטא.

אויך צו פארענטען אן 8 רומיגע הויז קאמפליט נעפורנישט, עלעקטריק באלייכטונג, הארדוואוד פלארס פיין דעקארירט, גאראדזש און טרוכס. אויך אנאנסירען מיר דאס מיר האבען ערעפענט איין אייז קרים פארלאר און כשר לאנטש רום. פרייע פארקינג.

J. FRANKLIN, ERINDALE
Tel. Cooksville 94. R. 5.

לעיקסייד הויז, זומער האטעל סטאפ 82 יאנג סטריט

פארזיכערט אייך אן אמת'ן פארגעניגען אויף אייערע האלידייס. אויף דעם ברעג פון לייק סימקא, שעהנע וועלדער, פריוועט ביטש, מינעראל ספרינגס, דענס האל, לעבען וואסער, פישינג, טענים, שיפלאץ. אויסגעצייכענטע מאהלצייטען. ספעשעל רייטס פאר פאמיליעס און וויקענדערס. בעפאר איהר פאהרט אנדערש וואו שרייבט צו:

M. ALSPECTOR
Lakeside House Jackson Point
P. O. Ont. Telephone Lakeside
House Sutton

דזשעקסאנס פאינט

מיר לאזען וויסען דעם טאראנטאר פובליקום, אז מיר האבען איבערגעפיקסט אונזער האטעל מיט אלע גוטע קאנוויניענס. אויך האבען מיר צוגעבויט נייע רומס מיט א טאנץ־האל, פליי־גראונד און טענים־קאורט. גוטע וואסער צום באדען זיך. מיר בעטען אלעמען צו באזארגען זיך באצייטענס מיט רומס. פאר צופרידענהייט וויסט איהר דאך אונזער אקאמאדיישאן איז די בעסטע גאראנטיע. שרייבט אדער טעלעפאנירט רינג 111 דזשעקסאנס פאינט.

דזשיי סיימאן
J. SIMON
JACKSONS POINT

פארלאנגט
Want Ads.

פארלאנגט א מיידעל צו הויז ארבייט אין א קאנטרי, קליינע קינדער, גוטע היים. פרעגען גלאס 211½ קווין איסט.
1972)

פארלאנגט עקספיריענסד אפערייטארס צו ליידיס דרעסעס, פרעגען ארט דרעס קאמפאניע 73 אדעלייד וועסט.
1971)

פארלאנגט א מיידעל אדער א פרוי צו הויז ארבייט, וועלכע זאל וועלען פאהרען אין אשאווא, א גוטע היים, גוט באצאהלט. פרעגען ביי טעלעפאן טריניטי 2433.
6180-7-27)

עקספערט קאבינעט מאכער און קארפענטער, אלע ארבייט גאראנטירט. פרעגען מר. סלאוואנסקי קער אף דזשואיש אימיגראנט אייד סאסייטי, 218 סימקא סטריט.
1933)

פארלאנגט א פארטנער אין א מאנופעקטשורינג ביזנעס. זעהר א גוטער אינוועסטמענט פרעגען „זשורנאל" באקס 686.
6188-7-28)

פארלאנגט צו רענטען רומס, פלעטס און הייזער פאר די אוקראינער עמיגראנטען, וועלכע קומען אן סוף מאנאט. נאכפרעגען אידישע אימיגראנטען געזעלשאפט, 218 סימקא סטריט, טעלעפאן מיין 0273.
1948-8-1)

י. ראזען.
פיהרט און ארויס ביכער. פילט אויס אינקאם טעקס פארמס, מאכט איבערזעצונגען, און שרייבט פאר אייך בכלל.
70 בעלוויו עוועניו, טריניטי 6672 דזשיי.

ביזנעס שאנסען
Business Chances

פייפער הענגינג און פיינטינג

איך מאך די בעסטע דזשאבס אין פיינטינג און פייפער הענגינג. גוט און ביליג. בעסטע צופרידענהייט. טעלעפאנירט גלייך. טרינטי 8316 F
מ. קירשענבוים, 100 דעניסאן עוו.

פייפער הענגינג און פיינטינג

איך מאך די בעסטע דזשאבס, צופרידענהייט גאראנטירט, ספעשעל בארגיינס פאר ווארענדאס פיינטען.
טעלעפאנירט טרינטי 9672 M
5943-8-7)

אויפמערקזאם

מיר מאכען פארשידענע קארפענטער־ארבייט, סטאר פראנטס, גאראדזשעס, שעלווינגס, הויז ריפיירינג צו ביליגסטע פרייזען צופרידענהייט גאראנטירט.
קאצמאן און מארען, 61 מיידזשאר סטריט טרינטי 6369 W
אדער טרינטי 5212 W
6107-8-17)

פייפער הענגער און פיינטער

איך מאך באקאנט מיינע קאסטמערס דאס איך מאך איצט א בארגיין אין פייפערען און פיינטען, בלויז צו האלבע פרייזען.
ב. שאפירא 119½ בארדען סטריט
טעלעפאן טרינטי 9108 W.
6163-8-22)

SUMMER RESORTS

זומער האטעל

פולמאנס
Cobourg Ont., Box. 100 Tel. 464
שיין ערעפענט

לייקס אנטאריא ביידינג ביטש נעבען האטעל, דענסינג האל אויפ'ן פלאץ, דענסינג פאוויליאן נעבען וואסער. גאראנטירט די בעסטע אטענשאן פרישע אייער און מילך פון איינענער פארם וויפיעל מען פארלאנגט. שוחט אין פלאץ. אויך פרישע טשיקענס יעדען טאג.

טאראנטאר פובליקום

איך לאז וויסען אז איך האב אויסגעפיקסט דאס שעהנסטע זומער פלאץ, וואו איהר קענט פארברענגען אייער וואקיישאן און „וויק ענדס" לעבען לייק, ניט ווייט פון קענעדיען ניישאנאל סטיישאן. יעדען טאג פרישע עסענס, טשיקענס, פיש, אייער, מילך, וועדזשעטייבעלס. מיין גוטער אטענשאן איז אלעמען באוואוסט. ספעציעלער פרייז פאר'ן הייגטיגען חודש.

שרייבט אדער רינגט אין צייט פארהאן אויך מוזיק זיך צו אמוזירען.

F. COOPER
Bowmanville, Ont,, Tel. 28 Ring 15

צו פארענטען
To Let

צו פארענטען 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס, טעלעפאן צו נוצען, אויך א גאראדזש פאר א קאר. פרעגען 30 דיארסי סטריט.
6084-7-27)

צו פארענטען א 5 רומיגען פארטמענט סוויט, הייסע וואסער, מעסיגע רענט. פרעגען 93 גרענדוש עוועניו.
6088-7-27)

א גרויסע סטאר צו פארענטען מיט צוויי שעהנע ווינדעס, ריזאנעבעל פאסיג פאר אלערליי ביזנעס אין א גוטען געגענד טאיל פלארס אלע קאנוויניענס. פרעגען 519 דאנדעס וועסט. טעלעפאן טריניטי 6219 W.
6148-7-27)

א 6 רומיגע הויז צו פארענטען ניי דעקארירט. פארטיג אריינצומופען. פרעגען 31 גלאסקאו סטריט.
6175-7-27)

סטארס מיט וואוינונגען צו פארענטען גוטער געגענד, שעלווס, קאטער מיט פיקסטשורס. גוט פאר עני ביזנעס, ביליג רענט. פרעגען ס. הימעל, 195 דאנדעס וועסט.
6170-7-27)

צו פארענטען א קליינע הויז, אלע קאנוויניענס, גאז און עלעקטריק, ביליג רענט, 4 העגרי סטריט. פרעגען 80 בעלוויו עוועניו.
6177-7-27)

צו פארענטען א 5 רומיגען אפארטמענט, אלע מאדערנע קאנוויניענס, סטים היט. פרעגען 612 בלור סטריט וועסט.
6192-7-27)

צו פארענטען א פלעט פון 3 אדער 4 רומס מיט אלע קאנוויניענס, ביליג רענט. פרעגען 246 סימקא סטריט.
6196-7-27)

צו פארענטען א פלעט פון 3 רומס אלע קאנוויניענס, פיקסטשורס, בליינדס, טעלעפאן צו נוצען. פרעגען 350 קראפארד סטריט.
6197-7-27)

צו פארענטען א סטאר מיט רומס אויף דאנדעס סטריט. אויך א הויז אויף וואלטאן סטריט. פרעגען 326 דאנדעס סטריט וועסט
6190-7-27)

א ניי דעקארירטען פלעט צו פארענטען, 3 רומס, סינק אין קיטשען, עלעקטריק פיקטשורס, ביליג רענט. פרעגען 60 סט. פעטריק סטריט.
6221)

צו פארענטען א הויז אין לעאנארד עוועניו, 8 רומס, אלע קאנוויניענס, ניי דעקארירט, פוירנעס, פרעגען ריידער 46 דיארסי סטריט.
טעלעפאן טרינטי 6648.
6219-7-30)

צו פארענטען א סטאר און אן אפארטמענט אין בעסטען געגענט פון סענט קלעיר, 60 דאלאר א מאנאט צו גוטע טענענטס, גוט פאר עני ביזנעס. פרעגען 1199 סענט קלעיר עוו. טעלעפאן קענוואוד 3720 W
6198-7-28)

געלט צו לייען אויף קורצע טערמס, ערשטע און צווייטע מארטגעדזשעס אראנזשירט טעלעפאנירט טרינטי 4492 A, 20 קארלייל סטריט, ס. ווינער.
6194-7-27)

צו פארענטען א פלעט פון 3 ביז 5 גרויסע רומס סטים היט, עלעקטריק, סינק אין קיטשען, אלע קאנוויניענס, פרעגען 122 גרענדוש עוו.
6200-7-27)

צו פארענטען א טייל פון א שאפ פון 2 אדער מעהר מאשינען פרעגען 93½ טשווירטש סטריט טאפ פלאר. טעלעפאן מיין 6095.
6208)

צו פארענטען א 3 רומיגען פלעט אלע קאנוויניענס טעלעפאן, פרעגען 241 מארקהאם סטריט.
6207)

צו פארענטען א הויז 8 רומס מיט אלע קאנוויניענס הארדוואוד פלארס 2 סינקס אפסטערז און דאונסטערז, ניי דעקארירט. טעלעפאן טריניטי 7941 W
111 נעסא סטריט.
1969-7-28)

צו פארענטען א 3 אדער 4 רום פלעט מיט אלע מאדערנע קאנוויניענס. פרעגען 466 דאנדעס וועסט. טעלעפאן טריניטי 6861 W
6213)

צו פארקויפען

א גוטע געלעגענהייט. איבערצוגעבען א גראסערי און פרוכט סטאר 78 קענזינגטאן, אורזאכע פארלאזט די שטאדט 3 יאהר ליעס. איינצעלהייטען אויפ'ן פלאץ.
6220-7-28)

צו פארקויפען 431 קווין איסט, 9 רומיגע הויז, סאליד בריק דיטעטשט, ווארענדע, עלעקטריק, גאז, לאנדרי טאבס סיידדרייוו, לאט 120 ביי 30 צו א ליין. א בארגיין פאר'ן גיכען קויפער. פרעגען 23 פירסט עוו. טעלעפאן דזשעראארד 6482 F.
6156-7-28

אידישע פרויען

ווי אויך דריי גודס פעדלער, קויפט אייער איינשיט ווארע די בעסטע, טענוואלד־געסטעמפט אויף יעדען יארד. ביליגער ווי איבעראל, קומט אין 48 אלטער סט. צו דזשייק מאהאוסקי, ספעציעלער אגענט פאר קאנאדע. ספעשעל פרייזען פאר פעדלערס.

קויפען און פערקויפען
Bought and Sold

צו פארקויפען 2 סטארס מיט וואוינונג אין קווין סטריט, איסט לעבען בראדוויו. בעסטער ביזנעס בלאק אין די איסט ענד, פאסיג פאר עני ביזנעס. גרויסער בארגיין. ביליג פאר $16,000, וועט פארקויפט ווערען פאר $12,500. קליינער איינצאהל. פרעגען 750 קווין סטריט איסט, טעלעפאן דזשיראר 7863.

$35000. ניי סטאר, גרויסער גאראדזש פאר 9 קארס, צוויי פלעטס, טיילד באטרומס, איינע פון די בעסטע אויסגעשטאטעטע קליינע בילדינגס אין שטאדט. אין דעם איז אויך אריינגערעכענט איינע פון די עלטסטע עטאבלירטע פאולטרי־ביזנעס אין טאראנטא מיט מעהר ווי צוויי טאנען פון א דורכשניטליכען טויר־נאווער יעדע וואך. דער פראפיט פון די פאולטרי־ביזנעס באטרעפט דורכשניטליך 120.00 דאלאר א וואך. די בילדינג איז איצט פארענט פאר 2,760 דאלאר א יאהר וועט אויסהאלטען די פולסטע אונטערזוכונג. זיך ווענדען אין „זשורנאל" באקס 685.
6187-8-25)

צו פארקויפען א בארגיין, 8 רומס, סאליד בריק הויז, פריוועט רעזידענס. צו שליסען אן עסטייט. פרעגען 10 ביטרים סטריט.
6178-7-27)

3 פאמיליען אפארטמענט מיט א גרויסען פרונט סאד לעבען פאלמערסטאן בולווארד, צו פארבייטען אדער פארקויפען. פרעגען 126 באלדווין סט. טעלעפאן טריניטי 1667 W
6191-7-27)

מוז פארקויפט ווערען. קליינער איינצאהל קויפט סטאר מיט 5 רומס 129 אגוסטא עוועניו, יעצט איז דארט א קלינינג און פרעסינג. אויך גוט פאר אנדערע ביזנעס. פרעגען אויפ'ן פלאץ.
6193-7-27)

צו פארקויפען אן אייז קרים פארלאר גוטע ביזנעס, אורזאכע אויפ'ן פלאץ. פרעגען 168 מיקאל סטריט
6179-7-27)

צו פארקויפען א הויז אין אידישען געגענד מיט די בעסטע קאנוויניענס. פרעגען 29 אקספארד סטריט. טעלעפאן טרינטי 0990
6195-7-28)

צו פארקויפען אן 8 רומיגע סאליד בריק הויז אין אידישען געגענד מיט לאונדרי טאבס און עלעקטריק פיקטשורס אויילקלאטס, זעלטענער בארגיין פאר $4600. פרעגען 456 דאנדעס וועסט.
6218)

צו פארקויפען א 6 רומיגע הויז אלע קאנוויניענס נאהנט צו קאלעדזש 75 קלינטאן סטריט, ליידיג ערשטען אויגוסט פרעגען מר. בוימאן 826 קאלעדזש סט. טעלעפאן טריניטי 7179.
6206-7-29)

צו פארקויפען א גוטען 6 יאהריגען פערד אויך א וואגען און הארנעס. פרעגען 193 בעלוואודס עוועניו.
1209-7-28)

א הויז פארניטשור צו פארקויפען זעהר ביליג. פרעגען 92 באלדווין סטריט
6222)

צו פארקויפען א סינגער פאנג מאשין מיט א סענטשורי מאטאר אויך א פרעס מאשין ביליג צו א שנעלען קויפער. פרעגען 364 ספעדיינע עוועניו.
6210-7-28)

צו פארקויפען דיטעטשט סאליד בריק הויז. בעסטע הארדוואוד פלארס. גרויסער בארגיין. 2 נייע גאראדזשעס מוז זיין גוטער קעש פיימענט. פרעגען 153 ראבערט סטריט.
6215)

4500 אסינגטאן עוועניו קארנער סטאר מיט 6 רומס.
$4800 מיידזשאר סטריט 9 רומס 2 פלארס.
$5800 קראפארד סטריט 8 רומס, סאליד בריק, הארדוואוד פלארס.
$5500 שאו סטריט 8 רומס סאליד בריק.
טעלעפאן טריניטי 4920 J
6216)

א האלבען טאן טראק צו פארקויפען מיט א סטארטער, אלעס אין גוטען קאנדישאן, ביליג. פרעגען 133 אסינגטאן עוועניו.
6199-7-27)

צו פארקויפען א 8 רומיגע הויז מיט אלע קאנוויניענס סאליד בריק פרייז $4650 טעלעפאן טריניטי 8234 W קיינע איידזשענטס, 217 טיידזשאר סט.
6211-7-29))

צו פארקויפען א 9 רומיגע הויז אלע קאנוויניענס, אורזאכע פארלאזט די שטאדט. גוטער אפפער פארן שנעלען קויפער, פרעגען 7 בארדען סטריט
6212)

צו פארקויפען 430 יוקליד עוועניו סאליד בריק 9 רומס. ניי דעקארירט עלעקטריק פיקטשורס. מוז די וואך פארקויפט ווערען. א ריכטיגער בארגיין. פרעגען צימערמאן 446 מענינג עוועניו.
6217)

די פוילישע אריסטאקראטקע

ראמאן פון פויליש־אידישען לעבען. פון העלענא מנישעק

איבערזעצט פון „באם".

(פארזעצונג)

— ניין, אבער . . . איך וועל עס אפשר טאן, האט זי א זאג געטון רוישענדיג מיט די זיידענס און איז ארוים.

ביי סטעפען האט אנגעהויבען שטארק צו שלאגען אין די שלייפען.

שניט, די אקרענע און גערשטענע פעלדער בויגען זייערע שווערע קעפ. דאס טרעשטשען פון די זאנגען באווייזט אז די קערנער זענען שוין צייטיג. א זשומען פליהט דורך די פעלדער, אזוי ווי א רחמנות'דיגער ציטער, ווי א פארגעפיהל פון טויט.... און די וועלט איז אזוי שעהן! די ליכטיגע בלויקייט, די גאלדענע זון און ווארימע הויכען בילדען צוזאמען א פארביגע בעצויבערנדע גאנצקייט.

זומער! זומער אין זיין גאנצער שעהנקייט, אין זיין גאנצער פולקייט! א היפער, א ברענענדיגער וואס דריקט ארוים דעם שווייס אויף די שטערנס פון די ארבייטער, די איינגעבויגענע ביי דער ארבייט, א רייבער זומער, א צעזונגענער. אין די פעלדער און אין די לאנקעס שרייען פויגעל, עס פילדערען די זשאבעס און עס צוויטשערען די קליינע זומער־פויגעלעך.

יעדען פריהמארגען איז טומעלדיג און פרעהליך איבער די צייטיג געווארענע תבואות! די פעלדער וואס זענען שוין אפגעשניטען טוליען זיך צו דער ערד. זייערע לאנגע האר, געבונדען אין סנאפעס שטעהען פטויגענווייז אזוי ווי די מצבות אויף א בית עולם. די תבואות וואס זענען נאך ניט אפגעשניטען בויגען די קעפ אויף די אפגעשניטענע חברים, און זיי טראכטען אומעטיג וועגען זייער גורל. שטיל מורמלען זיי תפלות בענליך פון די פויגעלשע געזאנגען, ווען די זון שווימט, ווי א פאנצער ארוים אויף דעם הימעל־תכלת ווערט אלץ ענטשוויגען, מחמת אנדערע שטימען דערהערען זיך, פארטרייבענדיג דעם צוויטשערען און צויאגענדיג די פויגעלשע התונות שוועך איז שוין דאמאלט צו זינגען איבער די אפגעשניטענע סנאפעס, ווייל א שארף קריצען פון די סערפעס ברענגט דעם סוף פון זייערע חלומות. נאך מעהר שרעק ווארפען אן די גרויסע שניט־מאשינען, וואס פאהרען איבער די פעלדער, פון דערווייטענס לאזען זיי זיך שוין הערען. די גרויסע פליגלען זייערע אויף די רוקענס, דער גרויסער טאראראם זאגען אן די דערנעהענטערונג פון די דאזיגע פארזעהענישען, וואס ווערען געשלעפט דורך די פערד. די מאשינען געהען אריין אין די פעלדער און הויבען אן זייער ווערק פון טויט. דאס רודערען הערט ניט אויף די אייזערנע צייכנער גריזשען אהן רחמנות די טונקעלע גערשטען און די גאלדענע קארן. די גרויסע פליגלען צופלאטערען זיך, נעהמען אן די זאנגען מאסענווייז און צוליינען זיי אין די זייטען, די שארפע צייהנער טראגען דעם טויט, און שאפען אהן אויפהער אף די טרופעס.

אנדערע מאשינען פארזעהענישען בינדען ווידער די זאנגען אין סנאפעס און ווארפען זיי אין דער לופטען ווי די באלעמים. דערשראקענע פויגעל, ניט וועלענדיג קוקען אויף דעם שניט זענען אין וואלד אוועקגעפלויגען, און אויפ'ן פעלד לויפט א העלע זון א גלייכגילטיגע צו דעם וואס ארום טוט זיך. עס בלייבען נאר אויס די מענשען וואס ארבייטען מיט פרעהליכע געזאנגען.

נאכמיטאג, ווען די זון האט זיך שוין צו מערב געבויגען, איז צווישען די גערשטען פעלדער, וואו עס האבען געארבייט די שניטעריגס — געפאהרען א קליינע גרופע רייטערס. צוויי אמאזאנקעס און צוויי הערען זענען געפאהרען אין א גלייכער ליניע. פריילין ריטא אויף א וואוקסיגען "פולבלוט" אין א שווארצער אמאזאנקע און אין א צילינדערל, האט אויסגעזעהן זיגעריש, נעבער איהר — טרעסקא אין אן ענגליש היטעלע — האט זיך שלאנגיש בעוואויגען אויפ'ן פערד. די צווייטע פאר איז געווען — וואלדעמאר און סטעפע. ער, אין אן עלעגאנטען קאסטיום אין הויכע שווארצע באטפארטען מיט שפארען, וועלכע עס האבען געטראגען מיליטער לייט אין נאפאלעאנס צייטען איז געזעסען ווי צוגעמיערט צום רייטפערד, צום ריינבלוטיגען "אראבער". ער האט פראכטפול געריטען און אויסגעזעהן אויפ'ן פערד מאנימענטאליש. אין איהם איז געווען עפעס אזוינס וואס האט דערמאהנט אין א הערשער. סטעפע אין א גראנאט ענגליש קלייד און אין א קאפעלושעל, איז געפאהרען דרייסט און שלאנק אויף דער קארער "אראבעאין" — עראטא איך וואלדעמארס א פערד.

וואלדעמאר האט נאהענט געריטען, און איז אויפמערקזאם געווען אויף יעדער באוועגונג פון איהר. ער האט זיך נאהענט אויפגעהאלטען, מאכענדיג איהר פארשיעדענע באמערקונגען.

— איהר האט שוין אמאל מסתמא געריטען? האט ער א פרעג געטאן, מחמת עס זעהט אויס, ווי איהר פאהרט ניט דאס ערשטע מאל.

— איך האב שוין אביסעל געברודירט צו רייטען, נאר אויף א מאנסבילשען זאטעל און אויף א קליין פערדעל. אויף אזא פיינעם רייטפערד געפין איך זיך צום ערשטען מאל.

— איהר זענט בעשאפען צו זיין אן אמאזאנקע, איך בין א מבין אויף דעם, האט ארעסטקא ארויסגעזאגט זיין מיינונג.

סטעפע האט א קוק געטון אויף וואלדעמארן, ווי פרעגענדיג — וואס זאגסטו? מיט יענעמס מיינונג רעכען איך זיך ניט.

וואלדעמאר האט א ווייל א קוק געטון אויף דעם מיידעלס אויגען. ער האט פארשטאנען וועגען וואס זי פרעגט, האט א שמייכעל געטון אין א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ אויף יא.

— איך זעה גוט אוים? האט זי געפרעגט פארעקשנ'ט.

— אויסגעצייכענט! האט ער געזאגט מיט א שמייכעל.

סטעפעס פנים האט זיך שטארק פאררויטעלט. עס האט געמאכט דעם איינדרוק ווי איהר פנים וואלט זיך פארנאנדערגעבליהט. זי האט שטארק א שמיס געטאן מיט'ן בייטש. עראטא האט זיך א ציה געטאן און אנגעהויבען צו לויפען, סטעפעס קלייד האט איהר געשמיסען אין די אויגען. א שטויב האט זיך אויפגעהויבען. פריילין ריטא האט א געשריי געטון און טרעסטקא האט אנגעהויבען צו פילדערען:

— ציהט די לייצעס! שטארקער, שטארקער!

וואלדעמאר האט אבער שוין אוועקגעלאזט זיך אויף זיין פערד מיט א גאלאפ. אפאלא האט כמעט די ערד ניט בעריהרט.

צוויי דינער, וואס האבען הינטען נאכגעריטען האבען זיך אויך א יאג געטון. פריילין ריטא האט זיי אבער מיט'ן האנד פארהאלטען.

— אויב דער הער מיכאראווסקי וועט אליין ניט דעריאגען, וועט איהר סיי ווי גארנישט מאכען, און א שטארקער טופען שרעקט די קליאטשעס.

פונדערסטוועגען האבען זיי זיך אלע א יאג געטאן פאראויס, נאר סטעפע און וואלדעמאר זענען פארשוואונדען פון די אויגען, הינטער דעם גערדיכטען שטויב.

ערמאטא האט זיך געיאגט ווי א ווילדער, און גלייך לעבען איהר איז געפלויגען אפאלא. וואלדעמאר האט זיינע אויגען איינגעשפיזט אין סטעפען, נאר זעהענדיג אז זי האלט זיך פעסט און פארלירט זיך ניט, האט ער געשוויגען, מורא האבענדיג צו דערשרעקען עראטאן. מיט א פארשטארקטע שפרונג האט ער זיך אויסגעגליכען מיט סטעפעס פערד, און אנגעכאפט איהם שטארק פאר'ן צוים. דער רייטפערד, דערשפירענדיג די שטארקע האנט האט פארקלענערט דעם טריט. דאמאלסט האט זיך וואלדעמאר אנגעהויבען צו רייצען:

— איך האב אייך טאקע געהאט פארוואס צו לויבען! שעהן, זעהר שעהן....

סטעפע האט גיך געאטעמט, עטוואס א בלייכע און איבערגעשראקענע. זי האט זיך אבער פרעהליך צו איהם פארנאנדערגעלאכט:

— איהר דארפט טאקע לויבען, וואדום אנשטאט אראפצופאלען זעהט איהר מיך דא זיצען אויפ'ן זאטעל, איך האב אפילו די פים בעפרייט פון די רייט־אייזענדלאף.

— אומישנע?

— יא, אויף יעדען פאל.

— נא, איהר ווייסט, אז איך האב זיך אויף אייך ניט גערעכענט, איהר זאלט אין אזא געפעהרליכען פאל זיין ביים פילען באוואוסטזיין, בראוואָ! בראוואָ! און איך האב זיך געיאגט ווי א משוגענער. די האר האבען זיך מיר קאפויר געשטעלט פון דערשרעקעניש, אז איהר האט געקענט אראפפאלען.

(ווערט פארגעזעצט)

ווען איהר געברויכט
ווילסאנ'ס
פליגען פעדס
לעזט די דירעקשיאנס
פארזיכטיג און
פאלגט זיי נאך
פינקטליך.

דאס בעסטע פון אלע פליגען־אפטויטער. 10 ס. א פעקיל ביי אלע דראגיסטען, גראסערס און דזשענעראל סטארס.

צו די טאראנטאר אידען און אומגעגענד



ר' יחזקאל בר' מנחם מענדול יאקאווער, פון בוירסטאל סאסקאטשעוואן, פאהרט ארום אויף א פרייוויליגען וואלונטירענדען אופן, אין די אינטערעסען פון אימיגראנטען און פאלקס קיך פון ירושלים. ער איז בארעכטיגט צו זאמלען געלט, און די טאראנטאר אידען ווערען געבעטען איהם אויפצונעהמען ווי געהעריג.

בית תבשיל הכללי והכנסת אורחים בירושלים.
הרב י. גארדאן, הרב י. וויינרעב, ס. וועבער, קאסירער.

בריעף אין „זשורנאל" אפיס

אין "זשורנאל" אפיס געפינען זיך בריעף פאר פאלגענדע פערזאנען וועלכע האבען אמאל געוואוינט אויף די אנגעגעבענע אדרעסען.

פאר מר. טש. ראזענבלאט, געוואוינט אין 261 קווין וועסט, פון אסטראווצע.

פאר מרס. עני בערענשטיין, אהן אן אדרעס פון מ. קאגאן ביאליסטאק.

פאר מר. דזש. ברייטמאן 19 מענינג עוועניו.

פאר א. בערענשטיין 19 סיקאן עוו. פון געצעל בערנשטיין.

פאר סעם ראזמאן 1285½ סט. קלעיר עוועניו.

פאר מר. הערים, אהן אן אדרעס. זיין פרוי הייסט דבורה פון י. אדלער.

פאר ס. קראפיע, 26 מיקאל סטריט פון יעקעל דיימאנט, קעלץ.

די בריעף קען מען באקומען א גאנצען טאג אין אונזער אפים, מיטברענגענדיג דעם אויסשניט פון אונזער ציימונג.

ווי פיעל הילף איר ווילט דארפט איר אליין זאגען

מיט פינף פארשיעדענע סארטען פון "פעמילי־וואש"־סערוויס זענען מיר אומשטאנד צו עפערען אייך אזוי פיעל מיט אייערע וואשינג־פראבלעמען ווי פיעל איהר ווילט. דאס הויבט זיך אן מיט "וועט־וואש" און ענדיגט זיך מיט "סעמיפינישד". אונזער נייער פלאנט איז דעזיינט ספעציעל פאר דיעזער ארבייט און אונזער אימערוואקסענדיגע ליסט פון צופריעדענע קאסטימער איז א באווייז פון אונזער ווירקזאמקייט. טעלעפאנירט היינט — און מיר וועלען גלייך קומען.

SEMI FINISHED
TORONTO WET WASH LAUNDRY Co. Ltd.
175 אסינגטאן עוועניו
לעיקסייד: 5280.

אין „פאלים קאורט"

א פלאנטער פון פלאנטער־לאנד.

די מעשה ווערט דערצעהלט אזוי:

איינער אן איטאליענער מיט'ן טשיקאווען נאמען טאמאסא פאנסעלא, האט ערגעץ געהאט א גראסערי. אזוי גיך ווי דער ערשטער פריהלינגס־פויגעל האט א זונג געטאן, האט זיך אין איהם אנגעצונדען דאס וואנדער־לוסט, און ער האט זיך אין איטאליע צו גאסט אוועקגעלאזען.

אבער אויף וועמען לאזט מען איבער די גראסערי? ביי איהם אין הויז דרעהט זיך ארום א אידענע, און זי האט א בחור'ל, וואס האט דאס גליק צו טראגען דעם ליעבען נאמען ענריקא בארגאמא. האט ער ניט געמאכט קיין גרויסע מחזקות און האט די גאנצע גראסערי מיט'ן האק און פאק איבערגעשריבען אויפ'ן בחור'לס נאמען. אפילו אויפ'ן שוי פענסטער האט ער געלאזט אויפשרייבען דעם נאמען פון בחור'ל.

אין איטאליע האט זיך דער פיינע־אין איידעלער טאמאסא אפגעזאמט גאנצע דריי חדשים. ווען ער איז צוגעקומען צו זיין ליעבער גראסערי, האט ער דארט געפונען א ליידיגע הויז. די גראסערי מיט די סחורות מיט די טיש און בענק זענען אוועקגעפלויגען, איבערלאזענדיג הינטער זיך א מדבר. דאס בחור'ל איז אויסגעטריקענט געווארען, און האט אפילו קיין סימן פון זיך ניט איבערגעלאזען. אוים גראסערי!

ווי עס פיהרט זיך צווישען ציוויליזירטע פעלקער האט מען דאס בחור'ל געכאפט און איהם אין קעלער איינגעשפארט. אין שטיבעל האט מען זיך דערוואוסט, אז דאס בחור'ל האט געהאט אין זיך גענוג קוראזש צו פארשאכערען די סחורות מיט אלץ מיט אנאנדער פאר א שפאס ביליגען פרייז. וואס ארט עס איהם: ער האט עפעס צוגעלעגט צום עסק? מען האט אויך אויסגעפונען, אז דאס בחור'ל האט פארקויפט א גוטען אטאמאבילטשיק, וואס געהערט צום גראסערי מאן.

ביים פראצעס האט מען געפרעגט דעם גראסערימאן פארוואס ער האט איבערגעשריבען זיין געשעפט אויפ'ן נאמען פון א פרעמד בחור'ל. האט ער געענטפערט, אז ער באטראכט דאס בחור'ל פאר זיינס א זוהן, ווייל די מאמע זיינע איז ביי איהם ווי אן אייגענע אידענע. די פאליציי האט אויך אויסגעפונען, אז דער גראסערי מאן האט א געזעצליכע אידענע אין די סטייטס. אויף דעם האט דער גראסערי־מאן אפגעענטפערט, אז די סטייטסער אידענע דערגעהט איהם די יאהרען, האט ער זי אוועקגעווארפען. די געזעצליכע אידענע זאל אויך האבען געהאט פינף קינדער, און אלע געפינען זיך אין די סטייטס.

ווי דער לעזער זעהט, האט מען דא צו טאן מיט א שרעקליכער טראגעדיע, אין עס איז גאנץ מעגליך, אז ווען דער גראסערי מאן זאל ניט געווען פאהרען אהיים, וואלט צום גאנצען עסק ניט געקומען. די רייזע האט איהם געקאסט אהן א מעסער. א שטיק צייט האט מען געהאלטען אין פרעגען און פארשען אלע צדדים, און צולעצט האט די גערעכטיגקייט א מאך געטאן מיט דער האנט און האט דעם פראצעס פון קאורט ארויסגעווארפען.

פאוואליע! מוסאליני'ס טראהן שאקעלט זיך . . .

2000 דאלאר פלאצען.

צוליעב די גרויסע היצען האבען נעכטען געפלאצט אין פאליצייסקען שטיבעל פוב'ם קאנטי־קאורט גאנצע צוויי טויזענט דאלאר ווי רעדער. חוץ דעם זענען אויך אוועקגעפלויגען מיט'ן רויך צוויי הונדערטער מיט "עפעס", און די גאנצע כאטביא איז אריינגעפלויגען מיט שטורם אין די אייזערנע קאסעס פון דער מאראם גערעכטיגקייט.

געוועהנליך האט אימיצער באדארפט זיין א קרבן, און אזוי ווי מען האט ניט געקאנט געפינען קיין קליינעם קרבן, האט מען אריינגערופען די מענשען פון דער קאסגרייוו עקספארט בוירי קאמפאניע, און מען האט זיי דערצעהלט אויפ'ן וואגג אז זיי מוזען משלם זיין פאר עובר זיין אויפ'ן טרוקענעם געזעץ.

טרוקענע אגענטען זענען ארויסגעטראטען און האבען דערצעהלט, אז די קאמפאניע איז באגאנגען עטליכע חטאים מיט אמאל. עס ווייזט זיך ארוים, אז זי האט אפגעזעצט דעם אמת'ן שנעפסעל, און האט אויך פארקויפט אכט־פראצענטיגע ביער אין פלעשער, אויף וועלכע עס זענען געווען אנגעקלעפט ליבעלס מיט אויפשריפטען, אז דאס ביער האט אין זיך בלויז צוויי און א האלב פראצענט אלקאהאל. דער קנס איז א גרויסער, ווייל דאס איז שוין ניט דאס ערשטע מאל, וואס די קאמפאניע איז עובר אויפ'ן היסטארישען משקה געזעץ.

עס איז אלרייט! די בוירי קאמפאניע וועט ניט באנקראטירען און איהרע באלעבאטים וועלען איבער די הייזער ניט דארפען געהן....

ציוניסטישע נייעס אין קענעדע

דער גרענד ארדער אף איזראעל פון האמילטאן און די נארד ענד היברו סיק בענעפיט סאסייטי פון מאנטרעאל, ווערט אויסגעדריקט ספעציעלע אנערקענונג פון דער הויפט ביורא פון אידישען נאציאנאל פאנד אין קענעדע, דערפאר וואס זיי זענען געוועזען די ערשטע סאסייטיס וואס זייערע טשעקס זענען אריינגעקומען צום אפיס פאר פופצעהן דאלאר יעדע, צו פלאנצען צו צעהן בוימער אין הערצל וואלד צו דעם הערצל יאהרצייט. די טעג וועט פארעפענטליכט ווערען א ליסט פון אלע שולען און סאסייטיס וואס האבען זיך אויף דעם רוף אפגערופען. אלע שולען און סאסייטיס ווערען דעריבער געבעטען זייערע טשעקס וואס שנעלער צוצושיקען צום הויפט אפיס.

* * *

מר. הלל ליב דוואסקין פון בעטמאן סאסק. איז איינער פון די בעסטע פריינד פון אידישען נאציאנאל פאנד. און הגם ער וואוינט ניט אין קיין גרויסען צענטער דאך טוט ער זעהר גוטע ארבייט אין בעטמען, סט. באסוויל, גראוועלבורג און אנדערע ערטער נאהענט צו זיין וואוין ארט. לעצטענס האט מר. חיים ערעס פון גראוועלבורג אויך זעהר פיין צוגעהאלפען צו דער ארבייט.

* * *

די פריינד פון אידישען נאציאנאל פאנד אין קענעדע האבען יעצט צוגעקריגען א נייעם זעהר גוטען חבר, אין מר. אברהם באב, פרינציפאל פון בית ספר עברי אין סט. דזשאהן נ. ב. מר. באב, איז ניט לאנג אין סט. דזשאהן, אבער ער האט שוין בעוויזען צו ערוועקען דעם אינטערעס פון דער געמיינדע פאר רעב נ פ.

ער האט איינגעארדענט זעהר פיינע הערצל מיטינגען פאר ערוואקסענע און פאר די קינדער פון דער שולע, און די געמיינדע האט אנגענומען א בעשלוס, דאס פיער טעג אין יאהר, כ' תמוז, יום כפור, פורים און חנוכה, זאלען זיין יעהרליך געווידמעט פאר דער נאציאנאל פאנד ארבייט.

* * *

לאיער ט. דענבערג, פון טאראנטא און זיין קאמיטע האבען אויפגעטון א זעהר גוט שטיקעל ארבייט, וואס זיי זענען ווערט אז מען זאל זיי באגריסען פאר זייער ענערגיע און גוטער אנגעשטרענגטער ארבייט.

לאיער דענבערג און א ספעציעלע קאמיטע זענען באשטימט געווארען פון דעם ציוניסטישען קאונסיל אין טאראנטא מיט עטליכע חדשים צוריק, וועגען דער ארבייט, דאס די פארשיעדענע שולען און סאסייטיס זאלען זיך אנשליסען אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און די אידישע אגענטור צאהלענדיג פופציג דאלאר יעהרליך.

פון אנפאנג איז די ארבייט שווערליך צוגעגאנגען, און מען האט שוין געצווייפעלט צי די ארבייט קאן אין טאראנטא האבען ערפאלג.

די קאמיטע האט אבער די האפנונג ניט אויפגעגעבען. זיי האבען אראפגעברענגט רבי זלאטניק פון מאנטרעאל פאר דעם לעצטען שבועות נאך טאראנטא, און פאר איהם ארגאניזירט צו רעדען אין די גרעסטע שולען, און פאר א צאהל מיטינגען, און כמעט פאר אלע סאסייטיס, זיי האבען אויך ארגאניזירט א ספעציעלע קאנפערענץ פון די אפיסערס פון די שולען און סאסייטיס מיט רבי זלאטניק, און אליין האבען זיי ווייטער פארטגעזעצט די ארבייט אויף א זעהר מוסטערהאפטען אופן, און די רעזולטאטען זענען גרויסארטיג, ביז יעצט האבען זיך שוין אן ערך צוואנציג שולען און סאסייטיס אנגעשלאסען אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און דער אידישער אגענטור, און קירצליך איז צו האפען וועט ניט זיין קיין איינציגע שול אדער סאסייטי אין טאראנטא וואס זאל ניט זיין קיין מיטגליעד פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

באלעבאסטעס!
וואשט אייערע וועש אויף דעם ווייט סטאר וועג.
20 פונט פאר $1.00
ווהייט סטאר לאנדרי
32 לעאנארד עוועניו
White Star Laundry
32 Leonard Ave.
טעלעפאן טריניטי 5800

צווישען די טעאטערס

דזשעק דעמפסי אין פענטיידזשעס

די וואס האבען נאך קיינמאל ניט געהאט די געלעגענהייט צו זעהן פערזענליך דעם גרויסען אמעריקאנישען טשעמפיאן דזשעק דעמפסי, וועלען האבען א געלעגענהייט צו זעהן איהם אין די מאוויעס די גאנצע היינטיגע וואך אין פענטיידזשעס.

דזשעק דעמפסי האט פאזירט פאר די פאטאגראפישע אפאראטען אין פארשיידענע פאזעס, און ער האט געגעבען דעם עולם א געלעגענהייט צו זעהן ווי אזוי ער קעמפט אויף דער ארענע. דאס איז א זעלטענע געלעגענהייט וואס טרעפט זיך זעהר זעלטען. די אמעריקאנער מאווי־מאגנאטען האבען דעם טשעמפיאן אפגעשאטען מיט געלד, און עס האט זיך זיי איינגעגעבען צו באוועגען איהם, אז ער זאל פאר די מאוויעס אויפטרעטען.

חוץ דער מערקווירדיגער מאווי פון דזשעק דעמפסי וועט דורכגעפיהרט ווערען א רייכער און פיעל־פארביגער וואדעוויל־פראגראם, מיט דער מיטווירקונג פון די באגאבסטע ארטיסטען. עס וועט זיין אן אמת'ע לעבהאפטיגע וואך, וואס יעדער איינער וועט לאנג געדענקען.

פראבלעמאטישע בילד אין היפאדראם

ווער איז דער פיינדליבער געשלעכט? דער מאן אדער די פרוי? ווער אינטריגירט און ווער פלייסט זיך צו ארויסרופען הייס בלוט? דאס איז א שווערער און פארפלאנטערטער פראבלעם, און די גרעסטע מחות פון דער מענשהייט מאטערען זיך שוין יאהרען און יאהרען, כדי דעם פראבלעם צו לעזען.

אט־די שווערע פראבלעמען ווערען אויסגעדריקט און ברייטליך פארגעשטעלט אין דער רייכער און שעהנער פראדוקציע „דער פיינדליבער געשלעכט", וואס ווערט די גאנצע וואך געוויזען אין היפאדראם. די ראליען זענען דורכגעפיהרט געווארען פון בעטי קאמפסאן, און א רייהע אנדערע גרויסע ארטיסטען און ארטיסטקעס פון דער שטילער ביהנע.

די בארימטע קאלאראטורא־סאפראנא טעלמא בייטערמאן וועט זיך אין דעם פראגראם באטייליגען. דער ארגעל מייסטער וועט שפילען שעהנע קאמפאזיציעס און וועט פארוויילען דעם עולם אויף א שעהנעם און באקוועמליכען אופן. די נייעס פון דער וואך וועלען געוויזען ווערען אויף א פיינעם אופן, אזוי אז דער עולם זאל העכסט־צופרידען זיין.

N
O R D
B
Trade Mark of The Borden Company, Limited
GAIL BORDEN
EAGLE BRAND
Gail Borden
THE BORDEN COMPANY, LIMITED, MONTREAL, CANADA
Since 1857
אויב איהר קענט ניט נוירסען אייער בייבי גיט איהר איגעל בראנד מילך. פרובירט ניט מיט שפייזען און ריזיקירט ניט זייער לעבען. 67 יאהר איז דאס די הויפט קינדער שפייז. שרייבט פאר א בייבי וועלפעיר ביכעל.
The Borden Co. Limited
מאנטרעאל

ניט קיין עבירה

א פרומע קריסטליכע פרוי איז געקומען צום רב און איהם דערצעהלט, אז זי האט באגאנגען א גרויסע זינד, זי האט חרטה און וויל תשובה טאן.

— וואס איז געווען די זינד? — פרעגט דער רב:

— א צייט פון א יאהר ביז היינט פלעג איך יעדען פריהמארגען זיך אוועקשטעלען פאר'ן שפיגעל, קוקען לאנג אויף זיך און זיך פרעהען מיט דעם, וואס איך בין שעהן.

דער רב האט אויף איהר לאנג געקוקט און געזאגט:

— אויב דאס איז אלץ, וואס איהר האט געטאן, קענט איהר גאנץ רוהיג אהיים געהן, איהר האט בלויז געמאכט א טעות, אבער ניט געטאן קיין עבירה.

עס האט אן אורזאכע

קאסטאמער: — פאר וואס איז דאס, וואס אזוי שנעל ווי עס קומט דער ווינטער העכערט איהר באלד דעם פרייז פון מילך?

גראסער: — וואס פארשטעהט איהר דא ניט, ווינטער ווערט די וואסער אויסגעפרוירען.

פאסטמאסטער דערשיסט זיך

סט. קעטרינס, יולי 26.

דזשאן קארלייל, וועלכער איז פערציג יאהר געווען דא פאסטמאסטער, איז נעכטען געפונען געווארען א דערשאסענער. ער איז באגאנגען זעלבסטמארד.

Cunard Line פריפייד ביזנעס Anchor-Donaldson Line

קויפענדיג אייערע טיקעטס אריבערצוברענגען אהער פריינט אדער קרובים, זעהט אז זיי זאלען פאהרען אויף איינער פון ריעזע לייגס.

די קאמפאניע האט אפיסעס אין אלע אייראפייאישע צענטערען, אריינרעכענענדיג רוסלאנד און אוקראינע. נייע גרויסע סטימערס — גוטע שפייז, אויסגעצייכענטע באקוועמליכקייט. געלט קיין רוסלאנד קען יעצט אויסגעצאהלט ווערען אין דאלארס — דאס איז דער בעסטער וועג צו שיקען געלט צו אייערע קרובים. פאר אינפארמאציעס ווענדט זיך צו אונזערע לאקאלע אגענטען אדער ביי

The ROBERT REFORD CO., Limited
217 Bay St. Toronto

דזשולערי דזשאבס
פון אלע סארטען, אלערליי מעדאלס פריוואטע ווי אויך פאר מתנות ווערען געמאכט צו ארדער, אדער ריפעירט, ביים באוואוסטען דזשולער
מ. העלער
750 קווין סט. איסט
טעלעפאן דזשעראר 7863
ליידים פאקעט בוקס געפיקסט גוט און ביליג.

וויכטיג פאר האמילטאנער אידען
איהר באקומט ביי מיר טעגליכע, וועכענגליכע און מאנאטליכע צייטונגען פון אמעריקא און קאנאדע אין
56 יארק סטריט (געגענאיבער דעם קאמערשעל האטעל)
דעם „אידישען זשורנאל"
באקומט איהר יעדען פריהמארגען פון דעם זעלבען טאג. איך נעהם אויך אן אלערליי
אדווערטייזמענטס פאר'ן אידישען זשורנאל"
אויב איהר ווילט זיך סובסקרייבען פאר אידישע צייטונגען קענט איהר עס טאן דורך מיר מיט די בעסטע באהאנדלונגען. אלערליי ביכער און שרייבמאטעריאלען קענט איהר ביי מיר באקומען.
ל. לואיס 56 יארק סטריט, האמילטאן
טעלעפאן רידזשענט 3045 F

די בענק אף נאווא סקאשיא
אויסלענדישע דראפטס געקויפט און פארקויפט
מיר האבען גרויסע פארבינדונגען מיט אויסלאנד און מיר קאנען ארויסגעבען דראפטס פאר ענגלאנד, פראנקרייך, דייטשלאנד, עסטרייך, פוילען, יוגא־סלאוויא, טשעכא־סלאוואקיא, און כמעט אלע פרעמדע לענדער.
אונזערע אפישעלס געפינען זיך אין לאנדאן און ניו יארק. דירעקטע טעלעגראפישע "ווייערס" צו מאנטרעאל און ניויארק. בעסטע עקסטשענדזש רייטס.
קאפיטאל — $9,700,000
רעזערוו — $19,000,000
THE BANK OF NOVA SCOTIA
קווין און מעקאל סטריטס ה. סאטערלאנד, מענעדזשער
ספעדיינא און דאנדעס, ס. ב. נאאמב. מענעדזשער.

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper In The Province of Ontario,
PUBLISHED BY
CANADIAN JEWISH PUBLISHING Co. Ltd.
251—253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967
Subscription Rates $6 PER YEAR, $3.50 SIX MONTHS
Single Copy — 3 cents
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O. Toronto Ont.
January 22nd 1913

די הײנטיגע אימיגראציאנס-פאר-זאמלונג

שטיל און אהן איבעריגען גערודער, טוט דער היגער אימיגראציאנס-קאמיטעט זיין ארבייט. די יק"א ברענגט אריבער די פליכטלינגע נאר ביז קאנאדע, איינארדנען זיי אבער, דאס איז שוין די זאך פון די קאנאדער אידען גופא. דער טאראנטער קאמיטעט האט פארפליכטעט צו נעהמען אויף זיך די איינארדנונג פון דרייסיג פראצענט פון די ניי-אנגעקומענע, און די ארבייט ווערט געטאן פון דעם היגען אימיגראציאנס-קאמיטעט בשלמות.

פון דעצעמבער, ווען דער קאמיטעט איז ארגאניזירט געווארען, ביז דעם צוואנציגסטען יולי, א משך פון 6 חדשים, האט דער קאמיטעט געזאמעלט ארום צעהן טויזענט דאלאר, וואס איז אריינגעקומען דורך דער זאנגוויל אונטערנעהמונג אין מעסי האל, דורך ביישטייערונגען פון ארגאניזאציעס און יחידים, און א ביישטייער פון 2000 דאלאר, וואס דער קאמיטעט האט באקומען פון דער יק"א.

פון דער סומע זענען שוין אויסגעגעבען געווארען איבער ניין טויזענט דאלאר, און די אויסגאבען זענען פארווענדט געווארען אויף איינארדנען די 240 פערזאן, וואס איז געוועזען טאראנטא'ס „קוואטא".

פאר אונז ליגט דער באריכט פונ'ם קאמיטעט, וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען די אויסגאבען, וואו עס ווערט געזאגט:

> אונזערע אויסגאבען ביז היינט צו טאג, האבען באטראפען $9,304.08. דאס געלט איז פארברויכט געווארען צו העלפען 240 פליכטלינגע, וועמען מיר האבען אויסגעהאלטען אין פארלויף פון דיזער צייט, פון 2 ביז 4 מאנאטען דורכשניטליך, און יעדע פערזאן האט אונז געקאסט דורכשניטליך $27 פער קאפ, אריינגערעכענט מעבעל, קליידער, אונטערוועש, מעדיצין און רענט. די אידישע דאקטוירים און דער אידישער האספיטאל נעהמען פון אונז קיין געלט, און זיי באדינען אונזערע קראנקע גענצליך פריי, וואס עס פארשפארט אונז פיעלע הונדערטע דאלארס.

א היבשע צאהל פאמיליעס האבען מיר געגעבען די מעגליכקייט צו מאכען א לעבען דורך פעדלען און אנדערע באשעפטיגונגען, אבער די גרעסטע צאהל האבען מיר געפונען ארבייט אין פארשיעדענע פאבריקען און געשעפטען.

א גאנץ באדייטענדע צאהל פליכטלינגע האבען פון אונז באקומען קליידער, מעבעל פאר וועלכע מיר האבען קיין געלט געצאהלט. דאס הייסט, וועלכע די היגע אידען האבען אונז צוגעשיקט. די גרעסטע אויסגאבען אונזערע באשטעהען אין רענט וועלכע מיר צאהלען פאר אונזערע פליכטלינגע, און בלויז א קליינער פראצענט ווערט אויסגעגעבען אויף אפיס און אדמיניסטראציע, ווייל אונזערע ארבייטער באשטעהען פון וואלונטירען, און בלויז יעצט, מיט דעם אנקומען פון א גרויסער גרופע פליכטלינגע, זיינען מיר געצוואונגען אנצושטעלען א ספעציעלען מענשען, וועלכער זאל זיי באזארגען און געפינען פאר זיי ארבייט און באשעפטיגונג, און גלייכצייטיג פארגרעסערען דעם איינקונפט פון געלט, סיי אין שטאדט און סיי פון אנדערע ערטער אין אנטאריא.

ווי מען זעהט פון באריכט איז אלזא גענוג גוטע ארבייט איינגעטאן געווארען, און אויף היינט פריה איז פארופען געווארען א פארזאמלונג פון אלע ארגאניזאציעס אין שטאדט, וואו א פולשטענדיגער באריכט וועט אפגעגעבען ווערען, און עס וועלען אויך געמאכט ווערען אלע צוגרייטונגען פאר דער נייער גרופע פליכטלינגע, וועלכע קומט אהער היינטיגע וואך.

עס איז א וויכטיגע פארזאמלונג, און דער זומערדיגער וועטער דארף ניט זיין ביי קיינעם קיין תירוץ — אלע מוזען קומען און העלפען פארזעצען די ארבייט לטובת דעם אידישען וואנדערער.

עס איז אונזער אייגען בלוט און פלייש. און אויב מיר וועלען ניט טאן פאר זיי — ווער זשע וועט טאן?

מעג מען אגיטירען געגען מלחמות?

אין אויסלאנד זיצען איצט גרויסע קאפ-מענשען און זוכען פארשיעדענע מיטלען ווי אזוי צו ברייגגען דעם געווינשטען שלום אויף דער אויסגעמאטערטער און דער פארבלוטיגטער וועלט. גרויסע דיפלאמאטען האלטען אין איין טראכטען ווי אזוי מען געפינט דעם שליסעל צו דער אייביגער פלאנטעריש צווישען פעלקער און לענדער. אלע זעהען באשיינפערליך, אז אזוי ווי עס געהט איצינד, קאן ווייטער ניט געהן — סיידען מען וויל לכתחלה ניט מאכען שלום.

באלד קומט דער צעהנטער יאהר-טאג פון דער גרויסער אינטערנאציאנאלער שחיטה. אזא טאג איז, מעהרער ווי שטענדיג, פאסיג פאר אן אנטי-מלחמה דעמאנסטראציע. צו שלום-דעמאנסטראציעס גרייט מען זיך אומעטום, אין אלע גרויסע און קליינע מדינות. דער צעהנטער יאהר-טאג פון דער גרויסער וועלט-שחיטה דארף איטליכען ארויפפיהרען אויף דער מחשבה, אז מלחמות ברענגען אומגליק, טויט און פארניכטונג. מלחמות זענען די קוואלען פון אלמנות, יתומים, קאליקעס און משוגעים. די גרויסע מלחמה האט איבערגעלאזען א צורודערטע און משוגע'נע וועלט אין וועלכער עס איז אוממעגליך צו אטעמען.

געפינען זיך אבער מענשען, פאר וועמען פאסיפיזם איז נאך איצט אויך א פארבאטענער אנטיקעל. עס איז שווער צו פארשטעהן די פסיכאלאגיע פון יענע מענשען — פונקט ווי מען קאן ניט פארשטעהן די פסיכאלאגיע פון א חיה, וואס דארשט נאך מענשליך בלוט. די מלחמות האבען געוויזען, אז דער גרויסער עולם, די מאסען, פארלירען אינגאנצען, און געווינען געווינט נאר דער יחיד. דער שטארקער און מעכטיגער יחיד. דער מאנומענט פון די הרוגים וועט שטענדיג דערמאהנען אן דער חיה, וואס האט זיך באזעצט אינ'ם מענשען, וועגען דעם דראנג נאך מענשליך בלוט און מארך, וואס האט די וועלט פיעל יאהר בסדר פארפלייצט.

אין דער מלחמה-צייט, אין דעם סאמע קאך פון מיליטערישע פארבאריישונגען, האט מען דעם עולם געהאלטען אין צענזור-צוואנגען. און מען האט איהם אלץ געטרייסט, אז אזוי גיך ווי דער שלום וועט געשלאסען ווערען, וועט מען די קייטען פון זיינע פיס ארונטערנעהמען און מען וועט איהם פריילאזען ווי פאר דער מלחמה. דער עולם האט דעם צער און צארן אין זיך געשטיקט און אלץ געווארט אין געווארט אויף דעם גליקליכען טאג. איצט איז שוין דער אפיציעלער שלום לאנג געשלאסען געווארען, און די מענשען האבען נאך אלץ ניט קיין געלעגענהייט זייערע מיינונגען אין דער עפענטליכקייט ארויסדריקען.

דאס ווייזט, אז עפעס איז ניט גאר גלאטיג. דאס קאן ארויסרופען א חשד, אז אין דער שטיל גרייט מען זיך אפשר צו נייע גרויסע מלחמות. ווייל אויב נישט נייע מלחמות — פארוואס ציטערט מען אזוי שטארק פאר אנטי-מלחמה דעמאנסטראציעס?!

דער קאמף פאר לעבען און טויט אויפ'ן לאעב-לעאפאלד טרייעל

(פאקטען און איינדרוקען פון געריכט-זאל) פון ב. סמאליאר.

(ספעציעלער קארעספאנדענט פון דער אידישער טעלעגראפען אגענטור).

מען האט געקענט ערווארטען, אז היינט, ווען דער סטייטס-אטוירני קראוו פון דעם באשולדיגונגס-צד, וועט זיך פארמעסטען אין קאמף מיט'ן הויפט לאיער פון דער פארטיידיגונג, קלארענס דאראו, וועט אין געריכט זאל זיין לעבעדיג, אינטערעסאנט און פרעהליך.

האט זיך אבער אין דער ווירקליכקייט ארויסגעוויזען גאנץ עפעס אנדערש. דער קאמף צווישען ביידע צדדים איז טאקע פארגעקומען. ביידע — קראו און דאראו — האבען טאקע דעם ערווארטעטען וועטערליכען צוזאמענשטויס היינט געהאט אין קאורט רום. דער עפעקט נאך דיזען צוזאמענשטויס איז אבער ניט געווען דער וועלכען מען האט ערווארטעט. עס האט געפעהלט זאלץ. עס האט געפעהלט דער קאמפפלוסטיגער טאן, אויף וועלכען דער עולם צושויער און צייטונגס-לייט האט אזוי אונגעדולדיג ארויסגעקוקט.

סטייטס אטוירני קראוו האט זיין באשולדיגונגס רעדע געהאלטען גאנצע צוויי שטונדען. ער האט אבער קיין נייעס צו די פאקטען וואס זענען שוין בעוואוסט ניט צוגעגעבען. אלעס וואס ער האט דערצעהלט און מיט וועלכעס ער האט זיך בעמיהט איבערצייגען דעם ריכטער קאוועלי וואס פיהרט דעם פראצעס אז טויט שטראף, און בלויז טויט-שטראף, דארף זיין דער אורטייל פאר די אנגעקלאגטע ניטען לעאפאלד און ריטשארד לאעב — אלעס האט קיין ווירקונג אין געריכט זאל ניט געמאכט. דער עולם האט ערווארטעט צו הערען עטוואס נייע פאקטען, אזעלכע וואס מען ווייסט נאך ניט פון די צייטונגען. דער סטייט אטוירני איז אבער געקומען און האט איבערגעחזרט דיזעלבע אלטע פאקטען וואס יעדער לעזער פון א צייטונג ווייסט זיי.

פארשטענדליך אז נאך זיין רעדע האט זיך אין געריכט-זאל געשאפען אן ענטוישטע שטימונג. אלע האבען געזעהן אז דער ערשטער ארויסטריט פון פארשטעהער פון דער באשולדיגונג איז א דורכפאל פאר דעם צד וואס ער פערטרעט. מיט אנגעשטרענגטען אינטערעס האט מען דעריבער געווארט צו הערען וואס האט דאראו, דער לאיער פון דעם צווייטען צד צו זאגען.

דאראו איז אבער ניט קיין נאר. פאר דער צייט וואס זיין געגנער האט געהאלטען זיין לאנגע און נודנע רעדע, האט דאראו אנגעשמעקט די שטימונג. ער האט שוין געזעהן, אז דער סטייט אטוירני האט געמאכט א פארטאטשנע שטיקעל ארבייט און דעריבער, ווען עס איז געקומען צו איהם צו זאגען זיין ווארט פאר דער פארטיידיגונג, איז ער אפגעקומען מיט א קורצער צעהן מינוטיגער רעדע וואס האט ניט ענטהאלטען אין זיך קיין שום פאלעמיזירונג מיט זיין געגנערישען צד, נאר אין וועלכער עס האט זיך דורכגעוואפען דא און דארט אן אירא-נישער וויץ אויפ'ן חשבון פון דער באשולדיגונגס-רעדע.

דאראו מיט זיין קורצער רעדע האט געוואונען די שטימונג. דער סטייט אטוירני מיט זיין לאנגער רעדע האט זי דאס מאל פארשפיעלט. דאס איז געווען דער רעזולטאט פון דעם ערשטען אפיציעלען צוזאמענשטויס צווישען דער פארטיידיגונג און דער באשולדיגונג. אפילו לאעב און לעאפאלד, די באשולדיגטע אליין, וואס זענען היינט געזעסען אין געריכט זאל גאנצ'ן אומעטיג און ערנסט, האבען ניט-ווילענדיג געמוזט שמייכלען זיך צו הערענדיג צו די פארשיעדענע שטעכיגע אבער איידעלע וויצען וואס דאראו האט אין זיין קורצער רעדע געלאזט פאלען פארבייגעהענדיג אויפ'ן ארעם פון סטייטס אטוירניס אריינפאהר-רעדע.

דאך איז דער גאנצער מאמענט פון דער מלחמה צווישען דאראו און דעם סטייט אטוירני דורכגעגאנגען גאנץ ארמעטיג, און, ווי געזאגט, אהן זאלץ. עפעס האט געפעהלט אפילו אין דאראוס רעדע וואס זאל ארויסרופען אין געריכט זאל יענעם אינטערעס וועלכען מען האט ערווארטעט, און ווען דער ריכטער האט נאך דאראוס רעדע, ערקלעהרט אן איבעררייס אין דער זיצונג אויף צוויי שטונדען, האט מען ביי די פרעסע-טישען פונקט אזוי גוט ווי אויף די געסט פלעצער פרייער אפגעאטעמט.

* * *

דער צענטער פון האפענונג אויף „אינטערעסאנטע" מאמענטען איז נאך געבליבען ווען מען האט זיך דערוואוסט אז נאך דעם איבעררייס וועלען צווישען די עדות אויפטרעטען דזשייקאב פרענקס און מרס. פלארא פרענקס, די עלטערען פון דעם דערהרגעטען יאהרינגען ראבערט פרענקס וועמען די צוויי באשולדיגטע לאעב און לעאפאלד האבען ערמארדעט.

מען האט ערווארטעט אז ביי זייער אויפטריט וועט דער סטייטס אטוירני ניט דורכלאזען דאס געלעגענהייט צו געבען דער פארטיידיגונג א צווייטען פייט, וואס זאל אויספרעסען דעם דורכפאל וועלכען ער האט געהאט אין זיין אריינפאהר רעדע. מען האט אויך ערווארטעט א „קראס עקזאמינייששאן" פאר ריעזע צוויי וויכטיגע הויפט עדות פון דעם פראצעס.

עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען אז דער פארטיידיגונגס צד האט איינמאל פאר אלע מאל אנגענומען א טאקטיק פון מאכען וואס ווייניגער טומעל. נאכדעם ווי דער סטייטס-אטוירני האט דעם אלטען פרענקס'ען געשטעלט אזוי פיעל פראגען וויפיעל ער האט נאר געקענט, האט דאראו געלאזט וויסען דעם עדות, אז די פארטיידיגער ווילען איהם קיינע פראגען ניט שטעלען. פאר ריכטער איז דאן ניט געבליבען קיין אנדער זאך צו טון ווי מעלדען דעם אלטען פאטער אז דאס געריכט האט איהם שוין אויסגעהערט, און אז ער קען שוין פארלאזען די עדות שטוהל.

און פונקט דאס זעלבע האט אויך פאסירט ווען דעם עדות-שטוהל האט פארנומען מרס. פרענקס, די מוטער פון דעם ערמארדעטען קינד. אויך איהר האט דער סטייט אטוירני בעווארפען מיט פראגען, אבער ווען עס איז געקומען צו דעם פארטיידיגונגס צד, האט דאראו ווידער געלאזט וויסען אז די פארטיידיגער האבען צו דעם עדות גארניט וואס צו פרעגען, און מרס. פרענקס האט דערפאר שטילערהייד פארלאזען דאס עדות-בענקעל.

אזא טאקטיק פון דער זייט פון דער פארטיידיגונג האט דעם היינטיגען טאג אין געריכט זאל פארוואנדעלט אין זעהר א נודנעם. דער עולם האט ניט געקראגען דאס וואס ער האט ערווארטעט און האט זיך דערפאר געלאנגווייליגט. דאך האט אין דערזעלבער צייט דיזעלבע טאקטיק ארויסגערופען ביים פובליקום א שמייכעל. מען האט געשמייכעלט דערפון וואס דיזע טאקטיק שטעלט דעם באשולדיגונגס-צד אין א נארישער לאגע. עס האט זיך געשאפען דער איינדרוק אז דער סטייט אטוירני קריכט פון דער הויט און די לאיערס פון דער פארטיידיגונג זענען גאנץ גלייכגילטיג און נעהמען זיך דערפון ניט צום הארצען...

* * *

אן אינטערעסאנטער מאמענט איז יא געווען היינט ביים פראצעס, ווען מען האט צום ערשטען מאל אריינגעפיהרט אין געריכט-צימער די בעווייזען אויף וועלכע די באשולדיגונג בויט איהר פארלאנג אז די אנגעקלאגטע זאלען געשיקט ווערען צו דער תליה.

דיזע בעווייזען בעשטעהען פון די קליידער פון ערמארדעטען וואס מען האט געפונען, פון לעאפאלדס ברילען וואס ער האט פארלארען אונטערווארפענדיג דעם טויטען אין א זומפ, פון דעם טשיזעל מיט וועלכען די מערדער האבען זייער קרבן דערהרגעט, פון דעם טייפרייטער אויף וועלכען זיי האבען געשריבען א פאדערונג צו דער פרענקס פאמיליע פאר צעהן טויזענט דאלאר אויסלייז געלט, און פון הונדערטער פארשיעדענע אנדערע זאכען וואס דארפען פעסטשטעלען אז לאעב און לעאפאלד זענען ווירקליך ווערט אויפגעהאנגען צו ווערען.

די אלע פאקטישע בעווייזען, זענען אריינגעפיהרט געווארען אין געריכטזאל אויף א וועגעלע. זיי זענען געווען איינגעפאקט אין א גרויסען שטאלענעם קאסטען, און ווען מען האט זיי פון דארטען אויסגעפאקט, האט זיך אין געריכטס-צימער באהומען א גאנצע אויסשטעלונג.

נאך אן אינטערעסאנטער מאמענט איז היינט געווען ווען מר. פרענקס, דער פאטער פון ערמארדעטען אינגעל האט אויסגעקליבען זיין פלאץ צום זיצען גראדע זייט ביי זייט מיט די אנגעקלאגטע מערדער פון זיין קינד.

די צייטונגס פאטאגראפערס האבען זיך ניט געוואלט ערלויבען דורכצולאזען אזא געלעגענהייט ווי ארפצונעהמען א בילד ווי אזוי די מערדער זיצען צוזאמען מיט'ן פאטער פון זייער קרבן, און כאטש דער ריכטער האט געלאזט וויסען אז עס איז פארבאטען אראפצונעהמען בילדער אין דער צייט וואס דער פראצעס געהט אן, האבען זיי ניט געקאנט בייסטעהן דעם נסיון און גענומען ריזע „אידילישע" בילד פון וואס פאר א זייט זיי האבען בלויז געקענט.

דאס זענען אבער ניט געווען יענע אינטערעסאנטע מאמענטען וואס מען האט היינט ערווארטעט. די ערווארטעטע מאמענטען זענען גראדע דורכגעגאנגען בלוטלאז און אומאינטערעסאנט. די 100 מענשען וואס האבען געהאט די זכיה היינט אריינגעלאזט ווערען צום פראצעס זענען דערפאר פון דארט אוועק אביסעל ענטוישט. ענטוישט זענען געווען אויך די צייטונגס קארעספאנדענטען וואס האבען זיך צוגעגרייט צו שרייבען בעריכטען וועגען היים בלוט. זיי האבען זיך געמוזט באגנוגענען מיט דער נודנער רעדע פון סטייט אטוירני, מיט א פאר וויציגע אויסדרוקען פון לאיער דאראו, און מיט דעם ווי אזוי מר. און מרס. פרענקס האבען אויסגעקוקט ווען זיי האבען פארנומען דעם עדות שטוהל...

שיקאגא, קרימינאל קאורט, יולי 24. (איטא).

דער חורבן פון א שטאדט

פון דוד איידעלסבערג. (דורך דער אידישער טעלעגראפען אגענ.)

„וואס עס איז ווייט פון אויג איז ווייט פון הארץ" — און די צייטונגען פון איבערן גאנצען לאנד האבען מיט טעליבע מאגערע שורות אפגעפארטיגט דעם גאנצען שודערהאפטען טארנאדא אומגליק, וואס איז פארגעקומען אין לאריין, אהייא, מיט איניגע וואכען צוריק.

ווען דיזע שורות ווערען געשריבען, איז נאך קליוולאנד'ס נאכארשטאדט, מיט איהרע, בערך פינף און צוואנציג טויזענד נפשות און איניגע הונדערט אידישע פאמיליען, א וויסטע חורבה. די מענשליכע פאנטאזיע איז צו ארעם, זיך צו קאנען פארשטעלען די גרויס פון דעם חורבן.

ביז מיט איניגע טעג צוריק איז לאריין געווען „ביזי" אין אויסגראבען און בעערדיגען איהרע קרבנות. 68 מענשען האבען אין ריזער גאט'ס שטראף זייערע לעבענס פארלוירען און צווישען זיי געפינען זיך 3 אידען, צוויי פון וועלכע זיינען 13 יעהריגע מיידלאך. די לויות פון די דאזיגע קרבנות זענען געווען א סצענע, וועלכע ביי-וואוינער וועלען קיינמאל אין זייער לעבען ניט פארגעסען. די חורבה איז פארוואנדעלט געווארען אין איין גרויסען יאמער-טהאל, וועמענס קולות עס האבען די לופט דורכגעשפאלטען. איבער די רואינען, אונטער וועלכע עס זענען נאך געלעגען צעהנדליגער אנדערע מענשליכע קרבנות, האבען טאטעס און מאמעס געטראגען זייערע טויטע קינדער, און אויף זייערע פנים'ער אליין האט זיך קיין שפור פון לעבען ניט געזעהען. זיי האבען ניט געוויינט, זייערע אויגען זענען געווען טרוקען, נאר די טויזענדער ארומיגע וואס האבען די סצענעס ביי-געוואוינט האבען מיט זייערע היסטערישע געשרייען פארגלייווערט דאס בלוט אין די אדערען.

און וואס פאר א פארצווייפעלטער געפעהל פון הילפלאזיגקייט עס האט ארומגענומען דעם צושויער, קוקענדיג אויף דעם חורבן!

אין צוויי מינוט צייט, ניט מעהר ווי צוויי מינוט, איז פון א שעהנער, מאדערנער שטאדט געווארען א בארג מיט געהילץ און שטיינער — דער קבר פון טעליכע און זעכציג מענשען, וועלכע האבען צעהנדליגער יאהרען געארבייט די שטאדט אויפצובויען. די גרעסטע, שעהנסטע געביידעס, זענען פון זייערע פלעצער אויסגעריסען געווארען ווי קארטען-שטיבלאך. צעהנדליגער בלאקס פון ביידע זייטען פון די גאסען זענען אפגעראמט; ניטא קיין הייזער ניטא קיין געביידעס, נור חורבות — טייל האלב, טייל דריי פערטעל און מעהרסטענס גענצליך צוזאמענגעפאלען; דעבער פארדוקט אויף א זייט; צוזאמענגעפאלענע מויערען פון וועלכע דאס אינוועניגסטע פון די געביידען סטארטשעט ארויס; סחורות פאר מיליאנען דאלארס ליגען ארום פארניכטעט און צושטערט — אלץ זעהט אויס ווי א שרעקליכער ברוטאלער שונא וואלט דארט פארבייגעגאנגען און געלאזען הינטער זיך טויט און פארוויסטונג. און דאס אלץ האט פאסירט אין צוויי מינוט, ניט מעהר ווי צוויי מינוט.

ביי אזא אנבליק, קאנט איהר, באגרייפען דעם געפיהל פון הילפלאזיגקייט וואס נעהמט ארום דעם מענשען, דעם ערדבעוועהער פון דער וועלט, דעם „באזיגער" פון דער נאטור? וואס פאר א טראגישער וויץ!

* * *

מאטעריעל זענען די גרעסטע קרבנות פון דעם אומגליק געווען די אידען. זייענדיג דער רוקען ביין פון דעם געשעפטס פארקעהר אין שטאדט, זענען זיי פון אט דעם עלעמענטען-שפיעל ארויס ארימע לייט. זייערע הייזער, זייערע געשעפטען אלץ איז פארניכטעט געווארען און זיי זענען געבליבען בעירום ובחוסר כל.

און גראדע ביי דיזע אומשטענדען האט זיך ארויסגעוויזען, וואס פאר א שטאלצע מענשען, דאס פרייע אונאפהענגיגע אמעריקאנער לעבען האט געמאכט פון אונזערע אידען, און ווי טיף און אונבויגבאר עס איז זייער באוואוסטזיין, אז נאר דורך אייגענער ארבייט דארפען זיי צוריק ערווארבען וואס זיי האבען פארלוירען — ניט דורך צדקה. די קליוולאנדער „אידישע וועלט" האט זיך געווענדעט צו די לאריינער אידען מיט דער אנפראגע, אויב זיי ווילען, עס זאלען פאר זיי געמאכט ווערען אפילעס פאר הילף צו די אידען פון סטייט. „ניין"! איז געווען דער קאטעגארישער ענטפער פון יענע אידישע קרבנות. אויסער וואס די לאקאלע און סטייט רעגירונג וועט טון פאר דער שטאדט, ווילען מיר ניט קיין באזונדערע הילף. וואס מיר האבען פארלוירען האבען מיר אליין ערווארבען — וועלען מיר איצט ווידער ארבייטען און אליין זיך צוריק אויף די פיס שטעלען — מיט גאטס הילף.

מיר מעגען באמת שטאלצירען מיט אזעלכע בעלי בטחון, אונטער אזעלכע שווערע נסיונות.

* * *

אויב אבער די לאריינער אידען האבען אזוי גיך ענטשיידעט וועגען זייערע אייגענע נויט פראבלעמען — איז אבער גלייך ענטשטאנען א צווייטע פראבלעם, איבער וועלכער זיי מאטערען זיך איצט און קאנען קיין לעזונג ניט געפינען. זיי געפינען זיך אין גרויס פארלעגענהייט. דאס איז א שאלה פאר רבנים, און ביז איצט האבען אפילו לאקאלע רבנים געצוגערט אן ענדליכען פסק. די פראבלעמע איז די פאלגענדע:

אין דער קאטאסטראפע זענען אלע פראטעסטאנטישע קירכען פון לאריין, ווי אויך אלע גרויסע האלס, גענצליך פארניכטעט געווארען. דער איינציגער פלאץ פאר רעליגיעזען דיענסט, וואס איז געבליבען אונבאשעדיגט, איז די ארטאדאקסישע אגודה שוהל. האבען זיך די גלחים געווענדעט צו די אידען פאר דער ערלויבניש אפצוהאלטען גאטעס דינסט אין דער שוהל ביז זייערע קירכען וועלען אויפגעבויט ווערען.

אט דיזע בקשה האט נאטירליך געשטעלט די אלריינער ארטאדאקסישע אידען אין דער גרעסטער פארלעגענהייט. נאכגעבען דעם פארלאנג, ווי קאן דאס א ארטאדאקסישע געמיינדע פארוואנדלען איהר שוהל אין א קירכע וואו מען דאווענט צו יעזוס'ען? און ניט נאכגעבען איז נאך ערגער: ערשטענס איז שווער אפצוזאגען מענשען, וועלכע זענען געטראפען געווארען פון דעם זעלבען אומגליק, — ספעציעל ווען די אידען און קריסטען אין לאריין האבען שטענדיג געלעבט אין שלום און פריינדליכקייט, און אויך איצט ווערט די גאנצע הילפס ארבייט געטאן געמיינשאפטליך. צווייטענס איז א פראגע, אויב די קריסטען וועלען פארשטעהען דעם אמת'ן מאטיוו פון אפזאגען זייער בקשה, און עס ניט אויסטייטשען אלס אן אונפריינדליכע באציהונג.

ווי איהר זעהט, איז דאס טאקי א שווערע פראבלעם, און די לאריינער אידען קאנען זיך קיין עצה ניט געבען. די וואך איז א אידישע קאמיטע פון לאריין געקומען נאך קליוולאנד און זיך געווענדעט צו די היגע רבנים, זיי זאלען די שאלה פסקענען. אבער קענטיג אז אויך די רבנים האבען זיך מיט דער שאלה קיין עצה ניט געקאנט געבען. איין באריהמטער ארטאדאקסישער רב האט זיך זאגאר אנגענומען מוט און געפסקענט אז מען זאל ארויסנעהמען די ספרי תורה און ערלויבען די קריסטליכע קאנגרעגיישאנס דארט צו דאווענען אבער אבער אנדערע רבנים געפסק'ענט אז מען טאר ניט, און די לאריינער אידען ווייסען נאך אלץ ניט ווי צו האנדלען.

וואלט ניט געווען א יושר אז אמעריקאנער גרויסע רבנים זאלען לאזען הערען זייער מיינונג אין דעם ענין, און דאס טאקע באלד, און ראטעווען די לאריינער אידען פון אן ערנסטער פארלעגענהייט. עס איז דאך א הארבע שאלה.

* * *

דערפאר איז פאר דעם גאווערנאר פון אהייא קיין שאלות ניטא. קיינעם ניט געפרעגט האט ער אויסגענוצט דעם לאריינער אומגליק צו געבען אפיציעלע אנערקענונג צו דעם קו קלוקס קלען און מיט איין שטריך מיט דער פעדער האט ער געמאכט די קלען באנדעס פאר די „מלאכי רחמים" פון די קרבנות, ארויסגעבענדיג אן אפיעל פאר הילף זאגט דער אהייא גאווערנאר: אלע פאליטישע, ציווילע און רעליגיעזע ארגאניזאציעס, לאדזשען סאסייטיס און דער ק. ק. ק. זענען אויפגעפאדערט צו קאנטריבוטען זייערע מעמבערס אין דעם רעליעף קאמפיין פאר די לאריינער טארנאדא קרבנות.

זינט דיזער גאווערנאר איז אריין אין אמט, איז לאריין געווארען איינע פון די שטארקסטע קו קלוקס קלען פעסטונגען אין לאנד. מיט א צייט צוריק האט זיי דער זעלבער גאווערנאר זאגאר ערלויבט דורכצופיהרען אן „איניציאיישאן" צערעמאניע אויף די טרעפען פון דער סטייט געביידע, און זיי פיהלען זיך אבסאלוט אומגעשטערט אין זייערע טעראריסטישע מעשים אין די פארשיעדענע שטעדט.

גליקגעזוכטער

פון י. ל. קאלושינער.

גליקגעזוכטער!
נאך זיינען מיינע אויגען
אנגעציעלט אויף דיינע טיפסטע שפורען,
צו דערבליקען דיך פון ווייט;
באלעבט זאל ווערען נאך אמאל מיין פנים מיט די פרייד,
פון די רייפסטע יארען פון מיין לעבען.
גליקגעזוכטער!
כאטש דו ביסט מיט נעפלען נאך פארצויגען,
אין ווינטער טעג;
ווי די זון באדעקט מיט גרויען פראסט
— צינדסטו אן דורך דיינע שלייערען
דעם גלויבען פון אמאל,
אויף דיין קומען נאך צו מיר.
און כאטש איך בין אין מיינע זוכונגען
דורך שווערע טעג,
ניט איינמאל מיעד געווארען,
צו דערבליקען דיין געשטאלט,
— האבען מיינע בליקען מיך ניט אפגעלאזט אין וועג,
—ניט צוריק געפיהרט מיך נאך ביז היינט,
א באזיעגטער פון דער וועלט.

ביים טויער

פון פירא ראזענבערג.

דו האסט נאר, פון פידעל די סטרונעס באריהרט,
דערהערט האב איך די קלאנגען, פון זיי,
איך בין א באוויסטע ביים טויער געשטאנען,
דאס הארץ — האט געטאן אזוי וועה...

ניט דיך, ניט דעם פידעל, געזעהען האב איך,
פארשטעלט האט אויך ביידען דער טויער.
דאס טרויעריג ליעד, געשפיעלט, דאן פון דיר,
קלינגט נאך ביז איצט, אין מיין אויער.

און איין מאל — ווען איך האב מיין מוטער באוויינט,
נאר דו האסט פארשטאנען מיין טרויער.
דו האסט אויף די סטרונעס א קלאג ליעד געשפיעלט,
און איך . . . בין געשטאנען ביים טויער.

איך דערמאהן זיך, אין געסעל ביים שמאלינקען בריק,
דאס הויז וואס געוואוינט איז נעשטאנען.
פארוואס האב איך דאמאלס, — אזוי פיעל ווי איצט...
פארוואס האב איך דאן ניט פארשטאנען.

דו האסט דאך די ליעדער פאר מיר נאר געשפיעלט,
אך, ביזט געווען אזא גוטער.
איך באוויין איצט די פידעל, און דיך אויך מיט איהר,
אזוי ווי באוויינט איך האב מיין מוטער.

און איצט ווען איך שרייב די פערזען פאר דיר,
לייג איך צום האנט צו מיין אויער.
עס דוכט זיך... די פערדער איז די פידעל דיינס,
עס דוכט זיך די האנט איז דער טויער...

אומעט

פון י. ל. שאץ.

איינזאם זיץ איך אצינד אליין,
ניט קיין ליעבע, ניט קיין פריינט.
איך זיץ אין שאטען פונ'ם ביים,
מיין ברוסט איז פול מיט שמערץ און לייד.

דער אומעט טרייבט מיך פון דאנען אהין,
דער שמערץ טרייבט מיר פון דארטען אהער,
וואו איך געה באגלייט מיך דאס קלאגען פון ווינט
און זאגט: „ניטא קיין ליעבע, ניטא שוין מעהר!"



וואס די שטאדט דארף טאן פאר דער „קאונטרי״

פון מעפיסטאפעל

כדי די שטאדט זאל דערפילען איהר חוב צו דער „קאונטרי״ מיט איהרע דריי מיליאן און פיער טויזענט זיבען הונדערט און צוויי און דרייסיג פלעזשורניצעס מיט זייערע קינדער, אייניקלאך און אור-אייניקלאך, האט מען באדארפט אריינפאמפען אין דער „קאונטרי״ פופציג מיליאן גאלאן מילך, דריי פערטעל מיליאן זויער-מילך און עטליכע הונדערט פלעשער גוטען ווימאראזיק זיבען טעג אין דער וואך, אריינגערעכענט שבתים און ימים טובים.

חוץ דעם האט די שטאדט באדארפט ארגאניזירען א גרויסע ארמיי היינער און זיי אינסטרואירען צו לעגען פרישע אייער, כדי מ'זאל זיי קאנען פרישערהייט אריינשיקען אין „קאונטרי״ ספעציעל פאר די יונגע בארדערקעס, וואס שטעהען אין שדוכים. עס וואלט אויך געווען צוועקמעסיג צו אריינשיקען אין „קאונטרי״ וואס מעהר יונגעלייט מיט יונגע מיידלאך, און לייגען דעם ווינקעל-שטיין פאר א חתן-כלה קלוב אין שטאדט, אזוי גיך ווי די פלעזשורניצעס און די פלעזשורניקעס וועלען פון זייער „פלעזשור״ צוריקקומען.

כדי צו באזארגען, אז די מאמעס און טאטעס זאלען אויסהאדעווען א יונגען געזונטען דור מיט אלע „אימפראוומענטס״ איז וויכטיג, אז די פרויען-פאראיינען זאלען אריינשיקען אין „קאונטרי״ עטליכע וואגאנען געפרעגעלטע פיש, איינגעמאכטס, געהאקטע לעבערלאך, קנישיקעס און עהנליכע געזונטע און נארהאפטיגע שפייזען. אויב אימיצער האט ביי זיך עטליכע קעסטלאך פאראיאהריגע עפעל, וואס ער קאן ניט פארקויפען, זאל ער דאס גלייך אריינשיקען אין די „קאונטרי״. די מאמעס וועלען דאס פארצוקערען, און די קליינע קינדער וועלען פון אזא שפייז ווערען גרעבער ווי לייגנער.

די „קאונטרי״ איז אפגעריסען פון דער ציוויליזאציע, און די שטאדט דארף זארגען, אז די „קאונטרי״ זאל, חלילה, ניט אויסגעהן אהן גייסטיגע שפייז. דעריבער איז זעהר וויכטיג פון אלע קולטורעלע שטאנדפונקטען, אז די שטאדטישע מענשען זאלען זיך איפלעגען און זאלען אריינשיקען צו די פלעזשורניקעס עטליכע וואגאנען קארטען מיט בילדער פון דזשעק דעמפסי און יענטע טעלעבענדע. אויב מען קאן קריגען קארטען מיט די בילדער פון מרים הנביאה און שמשון הגבור איז געוויס גוט. דאס וועט צופרידענשטעלען ביידע געשלעכטער מיטאמאל, און דער שלום-בית וועט לייכטער אנגעהאלטען ווערען.

קורץ און גוט: עס דארף געשלאסען ווערען א מין קאנטראקט, לויט וועלכען די שטאדט זאל צושטעלען דער „קאונטרי״ פליגען און מאסקיטעס, אלטע פלייש און טוכלע מילך און אנדערע נויטיגע אנטיקען, כדי די „קאונטרי״ זאל ניט פארגעסען, אז זי שטאמט פון דער שטאדט און כדי די פלעזשורניקעס זאלען ניט פארדרעהען די נעזער און זאלען ניט מיינען, אז זיי זענען געבוירענע פארמער און פארמערקעס. גם איז וויכטיג צו באזארגען, אז די קינדערלאך זאלען עסען וואס מעהר גריבענעס און וואס וויניגער ברויט מיט פוטער. דאס וועט זיין געזינטער פאר דער וועלט, און באקוועמליכער פאר די פארמערס, וואס ווארטען אויפ'ן זומער א גאנצען יאהר.

אבער וויכטיגער פון אלץ וואלט געווען, ווען די שטאדט שיקט אריין אין די „קאונטרי״ עטליכע הונדערט ווייבער, כדי די פלעזשורניצעס זאלען קאנען נעהמען וואקיישאן און זיך אביסעל אויסרוהען פון דער שווערער פרנסה-מלאכה, וואס די מאנסבילען האבען אויף זיי ארויפגעווארפען. דאס וועט אויך העלפען צו רעדוצירען די וואג פון די שווערע ווייבער, ווייל אויב פלעזשורניצעס וועלען אויפהערען עסען, וועלען זיי אויך אויפהערען באריידען די גאנצע וועלט מיט שכנים און לאנדסלייט. עס וואלט אויך געווען איינע פון די נוצליכסטע און באקוועמליכסטע זאכען, ווען מ'קאן איבעררייסען די גרעבליעס און איינפיהרען א קוואטע אויף ראדיקאלע ווייבער, ווייל די ראדיקאלע ווייבער ברענגען א רעאקציע אין דער „קאונטרי״ און שטעלען אפ דעם פרעס-פראצעס פון דער ווייבערשאפט.

חוץ דעם דארף די שטאדט מיט דער „קאונטרי״ לעבען בשלום און זיך קושען איינע די אנדערע אין די פיסקלאך. די פארמערס און די פארמערקעס דארפען זיך האלטען מיט די בארדער און בארדערקעס, און די בארדער און בארדערקעס דארפען קלייבען נחת פון די פארמער און פארמערקעס. ביידע וועלט-טיילען דארפען שיקען איינע צו די אנדערע דיפלאמאטען און דארפען אפהיטען זייערע אלגעמיינע אינטערעסען. די שטאדט דארף לעבען פון דארף און דער דארף דארף לעבען פון דער שטאדט. די „קאונטרי״ איז ניט אויסלאנד, און זי דארף שטעהן אין נאהענטע פארבינדונגען מיט דער שטאדט און אלע איהרע נודניקעס און נודניצעס.

אנדערש וועט די „קאונטרי״ אונטערגעהן, און די שטאדט וועט איהרע פיס אויסציהען.

פיילס

ליידט ניט נאך א טאג פון בייסענדע, בלוטענדע און שמערצליכע פיילס. קיין כירורגישע אפעראציע נויטיג. דאקטאר טשייס'עס אינטמענט וועט אייך זאפארט פארלייכטערן און אייך געבען דויערדיגען בענעפיט. 60ס. א באקס; אלע דיעלערס, אדער: עדמאנסאן, בייטס און קאמ., לימיטעד, טאראנטא. סעמפעל באקס פריי. דערמאהנט די צייטונג און שיקט 2 סענט פאר פאסטעדזש.

אלעקציע פאר מענערלאזע פרויען

פון אבעלע זאגטער

דער ליעבער זומער, טייערע אונפארהייראטע שוועסטער, איז דא. דער סיזאן פון זומער-ליעבעס, פיקניקס, עקסקיורשאנס, וואקיישאנס, מאסקיטעס אייז-קרים און סאדא-וואסער האט זיך אנגעפאנגען. ס'איז צייט, ליעבע שוועסטער, צו טראכטען וועגען א תכלית.

אונזער געל „טרוקען״ וועלטעל איז פארגרינט געווארען. די זומער פייגעל זענען צוריק געקומען אין זייערע זומער היימען. די שמעטערלינגע און ביהנען מאכען זיך פארטיג ארויסצולאזען זיך אין די פעלדער, ערקלעהרען זיך אין ליעבע צו די בלומען. צייט, שוועסטער, צו נעהמען טראכטען וועגען בלומען, ליעבע און מערידזש לייסענס...

איך ווייס ניט טייערע שוועסטער מיינע, וואו די נאטור קריגט איהר יוגענד און שעהנקייט, איך ווייס אבער וואו איהר קענט קויפען אייער יוגענד און שעהנקייט, אבער דאס דארף איך אייך ניט זאגען, ווייל איהר ווייסט עס בעסער פון מיר...

יעדער פרוי, ווי אלט זי זאל ניט זיין ווייסט די קונץ ווי אזוי יונג צו ווערען. דער זומער איז דא אין זיין פולען פראכט און גלאנץ ווי מען זאגט אויף דער טעאטער שפראך. באזונגט אייך און באנייט אייך אויף דאס ניי ליעבע, הארציגע שוועסטער.

קאמאפלאזשט, שוועסטער אויף וואס די וועלט שטעהט, קאמאפלאזש איז דער פרוי'ס וויכטיגסטע ערפינדונג, מיט קאמאפלאזש האט מען די דייטשע ארמיי באזיעגט — פארוואס זשע זאלט איהר מיט קאמאפלאזש ניט קענען באזיעגען די ארמיי, וואס האט די דייטשע ארמיי באזיעגט... דער מאן האט ליעב קאמאפלאזש, און קאמאפלאזש איז דער בעסטער מיטעל צו קריגען א מאן...

דער זומער איז דא, ליעבע שוועסטער, איצט איז די צייט, ווען דאס שטארקע געשלעכט, וואס ווערט אזוי שוואך אונטער אייער איינפלוס, נעהמט ליידען פון ליעבעס-פיבער, דער איינציגער היילמיטעל איז די הייראט. געהט ליעבע שוועסטער צו איהם, גיט איהם די רפואה, ער איז ליעבעס-קראנק און הייראט-דורשטיג, ער ווארט אויף אייך, ער איז הילפלאז, געהט שוועסטער צו איהם, אבער געהט מיט טאקט, מיט אויסרעכענונג, געהט צו איהם און ער וועט געהן מיט אייך אין סיטי האל נעהמען מערידזש לייסענס, אז ניט וועט איהר איהם שלעפען אין קאורט פאר א ברויטש אוו פראמים...

און האט איהר דעם העבט אריינגעקראגען, דאן ווייסט ווי אזוי איהם צו האלטען.

און האלטען קענט איהר איהם אין זיין פאקעט-בוק, אויב איהר קענט האלטען אייער צונג, און אויב איהר וועט לאזען אן אפיניטי האלטען זיין הארץ... שרעקט זיך ניט פאר די אפיניטיס, ווייל אין זייער זכות זענען די מענער גוט צו אייך...

הייראט ניט אויס ליעבע — ליעבע שוועסטער! אויב די ליעבע איז אייך ליעב דאן פארשלייערט זי ניט, ווייל ליעבע און הייראט זענען היינטיגע צייטען ניט קיין ליבליך פאר פאלק. די הייראט האסט די ליעבע, און די ליעבע שרעקט זיך פאר דער הייראט.

איהר מוזט אויסוועהלען וואס פאר אייך איז בעסער צו זיין, א געליעבטע אדער א ווייב. ביידע אין דערזעלבער צייט איז היינטיגע צייטען ניט אין מאדע.

הייראט צוליעב געלט, כבוד, אויס לאנגווייל, אבער ניט אויס ליעבע.

שרעקט זיך ניט פאר דער הייראט. פון איהר קען מען זיך באפרייען דורך געהן אין קאורט, אבער פון דער ליעבע קען מען זיך ניט באפרייען. זי איז טיראניש. זי לאזט ניט אפ ניט בייטאג ניט ביינאכט, קיין מיטעל א חוץ די הייראט איז געגען איהר ניטא.

דער זומער איז דא, ליעבע, הארציגע, מענערלאזע ווייבער! באוואפענט זיך מיט אייערע כלי זין, איהר הויך-קנאפעלדיגע, ברוסט-בלאזע, האר-קורצע, פון פיינט שעהנע, ליעבע שוועסטער. געהט אוועק אויף די פארמס, ביים ים, אויף די בערג, אין די פארקס, איצט איז די צייט און דארט זענען די פלעצער וואו איהר קענט פאנגען א מאן, גיבער ווי מאנכע מענער כאפען פיש...

דאס מאדערנע אייניקעל



דאס אייניקעל צום זיידען: — זיידע, פארוואס מאכסטו ניט דיין בארד „שינדעלט״ אז זי זאל זיין מאדערן ווי מיין הער-קאט?

אויף דאטשע....

(א ברוועל אזא)

פון י״ש

כ'בין אויף דאטשע
שוין מיט מזל,
צווישען גריבער און בערגער;
און כ'געניס זיך
פון נאטור דא —
אויף קיין איך ניט ערגער!

א נאטורעל —
א מחיה! —
כאטש נאך גאר א גרינגע,
אבער אזא
ווייכע, גוטע,
מיט א וואוילער מינע.

און איך עס דא
קעז מיט רעטאך,
עוף מיט כריין און צוויבעל;
און איך שלאף זיך
אין א שטאהל דא —
האט ניט קיין פאראיבעל!

און כ'פארברענג דא
אין געזעלשאפט
פון א פיין געזינדעל:
קאפל, נעכע,
מעשעל, ציפע,
נעצעל, זעליג, מינדעל.

אלע רעדען
און בארעדען
מערב ועד בקר;
און זיי אלע,
ווי דו זעהסט זיי,
שפיעלען שטענדיג „פויקער״..

יא, איך זאג דיר
א מחיה
איז דא דאס נאטורעל!
און איך פאהר זיך
טיילמאל איבער
אויפ'ן פארמער'ס פוהרעל!

וואס מיר שטאדט איצט
ביכער, צייטונג,
נייעס, טעלעגראמען?
איך פארברענג דא
מיט די שעהנסטע,
מיט די פיינסטע דאמען.

אין דער פריה באלד
וועקט „זי״ אויף מיך
מיט איהר שטים די ליעבע;
כ'נעהם ביי איהר דאן
מילך צו טרינקען,
זאג איהר שטיל „ספאסיבע!״...

כ'האב זי ליעב שטארק,
די געטרייע,
כ'גלעט זי אפטמאל צערטליך
און איך זאג איהר
אפט אפילו
קאמפלימענטען-ווערטלער.

יא, איך ליעב זי,
די געזונטע,
כאטש איך בין קיין שוטה —
ווייל די „זי״ איז
אונזער פארמער'ס
גרויסע קוה די רויטע.

און איך ליעב אייך
שטארק די דאמען
פון דעם עוף-געזינדעל;
איהר דארפט זעהן נאר
ווי עס פרעהט מיך
א געבראטען הינדעל...

אט די דאמען
פרעגען קיינמאל
וואס ס'איז מיין פרנסה —
ווי עס פרעגט מיך
שטענדיג מינדעל,
נעכע, ביילע, סאסע.

און זיי ארט ניט
מיינע „ווידזשעס״
און מיין גלאנציג פליכעל,
און זיי ארט ניט,
אויב איך האב שוין
פון א באנק א ביכעל...

לעבען זאלען
אלע טשיקענס
און די קיה די פעטע;
און די דאטשעס
און די קלאטשעס
און די קעבין עטע.

א כפרה
די פאליטיק
פאר דעם מינדסטען גרעזעל;
און איך גיב אייך
אפ די קרים
פאר דעם קליינעם העזיל.

בוימער, גראזע,
פייגעל, יענטעס,
דעקלאמאטארס, היהנער;
און איך פאשע
זיך דאס בייבעל —
כ'בין דאך ניט קיין גרינער!...

ווי צו האלטען זיך קיהל אין די גרויסע היצען

1. עסט קאטליעטען פון שור-הבר און פארטרינקט מיט יין-המשומר.
2. דעבאטירט מיט נודניקעס פון די בוך-סטארס.
3. ווערט א טשערמאן פון א סטרייק-קאמיטע אינ'ם פאקט-סטרייק.
4. לייענט די שריפטען פון די ניו יארקער פאעטען.
5. באטייליגט זיך אין מעמאריעל-מיטינגען.
6. טוליעט זיך ארום די קאמפייגערס פונ'ם דעמאקראטישען קאמפיין.
7. טשעפעט אן אויף אייער קאפעליוש לאפאלעט'ס „פיקטשע״.
8. שלאפט אויפ'ן דאך פון א רעפארמירטען טעמפעל.
9. טראגט א העמדעל פון פייגען בלעטער.
10. טרינקט פון מאסליאנסקי'ס קעלישעק.
11. שפייזט זיך מיט טעארעטישע ארטיקלען פון בערליגער גדולים.
12. שרייבט דראמען מיט פראלאגען און עפילאגען.
13. פארליעבט זיך אין בלאנדע מיידלאך מיט זומער-שפרינקלאך.
14. שילט די רוסישע קאמיסארען און די אמעריקאנער ראדיקאלען.
15. לעגט אונטער צוקאפענס א פעקעל דיפלאמאטישע נאטעס.
16. זופט פון איין טעלער מיט אידישע סטאריכעס.
17. לויבט רייכע אקטיארען און טעאטער-מענעדזשערס.
18. טראגט קאלנערס פון געלען פאפיר.
19. אטעמט מיט דער לופט פון סעקאנד עוועניו און העסטער סטריט.
20. וואוינט אויף ראטגערס סטריט, און קאמפאנירט זיך מיט אידישע זשורנאליסטען און קאפע-טרינקער.

וויל א גרעסערען נס

בענעלע: — פאפא, פאר וואס האט גאט ניט געטיינט א נס אז דאס קריגעלע בוימעל זאל ברענען א יאהר, ניט בלויז א וואך?

פאטער: — וואס זשע וואלט דאן געווען?

בענעלע: — וואלט איך ניט געדארפט געהן א גאנץ יאהר אין חדר.

הלואי וואלט איך ניט געקומען!

פון נאמלעדוג

פארנאכט בין איך אנגעקומען אין קאונטרי, — הלואי וואלט איך ניט געקומען.

אויף דער ווערענדע איז געזעסען א מיידעל.

איך האב זי באלד באמערקט — הלואי וואלט איך זי ניט געווען באמערקט.

א שטויבעלע איז מיר אריין אין אויג, האב איך א וואונק געטאן.

זי האט מיר צוריק געוואונקען — הלואי וואלט זי ניט געווען צוריק געוואונקען.

איך האב זי געבעטען מיט מיר זיך דורכצושפאצירען.

מיר זענען אזועק אין דער לענג פון דעם טייך, וואס האט זיך געצויגען אויף צוויי מייל — הלואי וואלט ער זיך אזוי לאנג ניט געווען געצויגען.

ווען מיר זענען אפגעגאנגען א מייל, האבען מיר דערזעהן א גרויסען שטיין — הלואי וואלטען מיר דעם שטיין ניט געווען דערזעהן.

די מיידעל האט געזאגט אז זי איז מיעד. האב איך באלד איינגעזעהן אז איך דארף אויך מיעד ווערען.

מיר האבען זיך צוגעזעצט און זיך פארקוקט אויף דעם שעהנעם זון-אונטערגאנג, וואס האט זיך אפגעשפיגעלט אין וואסער. — אך, אט דער זונען-אונטערגאנג! הלמאי האט ער זיך געשפיגעלט אין וואסער!

— אך, ווי רויט דער הימעל איז — זאגט זי.

— אך, ווי ראזעווע אייערע באקען זענען, — זאג איך.

— אך, ווי דאס וואסער גלאנצט, — זאגט זי.

— אך, ווי אייערע אויגען גלאנצען, — זאג איך.

— אך, ווי די שטראהלען ברענען, — זאגט זי.

— אך, ווי אייערע בליקען בריהען, — זאג איך.

— אך, ווי די בוימעלאך רוישען, — זאגט זי.

— אך, ווי מיין הארץ שטורעמט, — זאג איך, און הויב זי אן קושען.

— איך דערקען אין אייערע קושען, אז איהר זייט א דיכטער, — האט זי א ברוגז'ע געזאגט, אפרוקענדיג זיך פון מיר. — איהר, דיכטער, ווייסט נאר איין זאך — קושען און גלעטען, גלעטען און קושען.

— אנטשולדיגט, — האב איך געזאגט, — איך בין גאר א לעטער-קעריער.

דערהערענדיג דאס, האט זי זיך צוגעקלעפט צו מיר ווי א צוויי-סענטיגער סטעמפ, און נאך ביז היינטיגען טאג קען איך מיך פון איהר ניט אפרייסען.

פארוואס האב איך איהר טאקע ניט אויסגעזאגט דעם אמת, אז איך בין א דיכטער, וועה צו מיינע יאהרען!

ווערטלאך

שטארבען איז אזוי נאטירליך ווי לעבען.

* * *

אדלערס כאפען ניט קיין פליעגען.

* * *

פריה צו בעט, פריה אויפשטעהן, מאכט דעם מענשען געזונט, רייך און מעהר פארשטעהן.

* * *

איסט אדער וועסט, די היים איז די בעסט.

* * *

אראב-א-בארג קאטשעט זיך אימער לייכטער.

* * *

גלויבט ניט א מאן ביז איהר עסט מיט איהם פריהער אויף א זעקעל זאלץ.

* * *

עסט און טרינקט מיט א מאס און לאכט זיך אויס פון דאקטוירים.

* * *

אויפגעגעסענער ברויט ווערט פארגעסען.

* * *

אדער לעב אדער שטארב מיט האנאר.

* * *

אפילו א קינד קען שלאגען א געבונדענעם.

* * *

אפילו צווייפעלהאפטע באשולדיגונגען לאזען א פלעק מיט זיך.

* * *

אפילו שלימזל איז גוט פאר עטוואס, ווען עס קומט צו א קלוגען אין האנט.

* * *

צופיעל ליב איז ווי צופיעל צוקער, קען ספאילען אפילו דעם בעסטען מאכל.

מרס. קאפמאן געווען קראנק זיבען יאהר

גערעטעט פון אן אפעראציע ביי לידיא ע. פינקהעם'ס וועדזשעטייבעל קאמפאונד

סידעל, איל. — „איך בין געווען א נערוועזע רואינע. איך האב געליטען פון א ווייהטאג אין מיין רעכטער זייט, וועלכעס איז געווען כמעט אומדערטרעגליך און איך פלעג אפילו ניט קאנען לאזען רוהען מיינע נאכט קליידער אויף מיין קערפער ביי נאכט. איך בין געווען קראנק זיבען יאהר, אבער ניט אזוי שטארק ווי ביז די לעצטע אכצעהן מאנאטען און איך בין געווארען אזוי אויסגעמאטערט, אז איך האב פאר קיינעם ניט געקערט און וואלט ליבער געשטארבען איידער געלעבט. איך פלעג ניט קאנען טאן מיין ארבייט אהן א הילף, און א דאקטאר האט מיר געזאגט אז אן אפעראציע איז אלץ וואס איז געבליבען צו טאן. איך האט אויף דעם ניט איינגעשטימט, אזוי אז מיין מאן האט מיר געבראכט א באטעל פון לידיא ע. פינקהעם'ס וועדזשעטייבעל קאמפאונד און האט מיר געבעטען אז איך זאל עס איינגעהמען. איך האב אויסגענומען פערצעהן באטעלס פון דעם, און איך פיהל מיט צעהן יאהר יינגער. דאס לעבען איז פול מיט האפענונגען. איך טו מיין גאנצע הויז-ארבייט און איך האב א גרויסען גארטען היינטיגס יאהר. איך קאן קיינמאל ניט אויסקומען אהן וועדזשעטייבעל קאמפאונד אין הויז, און ווען מיינע צוויי קליינע מיידעלאך וועלען דערגרייכען פרויענשאפט, דענק איך צו לערנען זיי צו איינגעהמען עס. איך בין קיינמאל ניט צופיעל ביזי צו דערצעהלען מאנכע פון מיינע ליידענדיגע שוועסטער וועגען מיין הילף, און איהר קאנט נוצען מיין נאמען און בריעף צו פארשפרייטען די גוטע נייעס וועגען לידיא ע. פינקהעם'ס מעדיסינס.״ — מרס. איידא מ. קאפמאן, ר. ב. 2, סידעל איל.

דאלאר קעב — מיין 2100

דרייווינג, חתונות, פיונערעלס, אדער פלעזשור, $2.00 א שטונדע טאג אדער נאכט

א וועלט מיט פרייד און פארגעניגען

אין יעדען „וואקאליאן״ רעקארד

נייע סוקסעסען

13008	זיבען טעכטער מזל טוב דער מאמען	אהרן לעבעדעוו	10 אינטש. 75 סענט.
13003	אלץ פאר געלט חנה בריינע	אהרן לעבעדעוו	10 אינטש. 75 סענט.
13006	שא שא דער רבי געהט די גרינע ליגע	אהרן לעבעדעוו	10 אינטש. 75 סענט.
14711	מיקיטקא שבת נאכ'ן קוגעל	אהרן לעבעדעוו	10 אינטש. 75 סענט.

און א סך אנדערע.

אויך די וואונדערבארע רעקארדס פון יאסעלע שליסקי, פון ר' אברהם הערמאן, ראזא ראאיסא, דזשאקאמא רימיני און פון דעם בארימטען אידיש-פוילישען פידעל-שפילער פאול קאכאנסקי.

צו באקומען ביי אונזערע פאלגענדע אידישע דיעלערס:

ליפמאנ'ס דראג סטאר, קארנער דזשעראלד און בעי סטריטס.
סטיינ'ס סיגאר סטאר, 237 ספאדיינא עוו. (אין סטענדערד טעאטער)
נודעלמאנ'ס, 446 ספאדיינא עוועניו.
דייווידסאנ'ס סיגאר און סטיישאנערי סטאר, 392 קאלעדזש סטריט. ביטווין בארדען און ליפינקאט סטריטס.
ראיאל ארט מיוזיקעל סטארס, 764 דאנדעס סטריט וועסט.
שטראכ'ס סיגאר סטאר, דאנדעס און סימקאו.
רודיל'ס דראג-סטאר, 558 קאלעדזש סטריט.
הימעל'ס סיגאר סטאר, 560 דאנדעס סטריט וועסט.
שעכטער'ס סיגאר סטאר, 257 אגוסטא, קארנער נעסאו סטריט.
ט. בערעזאנ'ס סיגאר און סטיישאנערי סטאר, 928 דאנדעס סט. וועסט.
עלייט סטודיא, 615 קווין סט. וועסט, ניער באטהורסט (ביים גרינעם פיקטשור-מאכער).

Scythes Vocalion Co. Limited
Manufacturers and Distributors of
Aeolian Vocalions   Vocalion Records
2 Mark St.   Tel. Main 4361
TORONTO

ש. כ״ץ און ל. פרעבטיל ספעשעל רעפרעזענטעטיווס

צוויי ארבייטער ארעסטירט

דזשאזעף לאנדאו און סעם גאלד־בערג, צוויי שניידער, זענען פרייטאג ארעסטירט געווארען אויף דער קלאגע פון מאכען אן אנגריף אויף איבערהעם און מאריס אוסטין, די באלעבאטים פון אוסטין וועסט קא., און „אפען שאפ". דער שטרייט זאל האבען ארויסגע־קומען צוליעב דעם וואס די אוסטין ברי־דער באשעפטיגען ניט־יוניאן ארבייטער.

חברות און חברים

פון אידיש נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד.

היינט

2.30 נאכמיטאג

טרעפען זיך אלע צוזאמען אין

היי־פארק

א קאמיטע וועט אייך אפווארטען קארנער בלור און היי פארק עוועני, ברענגט מיט אייערע פריינט, באקאנטע, און נעהמט מיט עפעס זיך דאס הארץ צו דערקוויקען.

א פראגראם פון פאלקס־ליעדער איז צוגעגרייט, אויך וועלען חברים רעדען איבער די אויפגאבען פונ׳ם פארבאנד.

קאמפיין קאמיטעט.

קומט אלע צו דער אי־מיגראציאנס פארזאמלונג

א גענעראל פארזאמלונג פון אלע דעלע־גאטען און מיטגלידער פון דער אימיגרא־ציאנס־געזעלשאפט וועט פארקומען

היינט 10 פריה

אין 218 סימקא סטריט

עס וועט פארהאנדעלט ווערען וועגען דער נייער גרופע אימיגראנטען, וועלכע דארף די טעג אנקומען, ווי אויך וועלען אפגעגעבען ווערען א רייהע וויכטיגע באריכטען וועגען דער גאנצער ארבייט. קומט אין צייט!

א שנאפס־קלאגע

ניימען שווארצוועלט איז פרייטאג ארעסטירט געווארען אונטער א קלאגע פון האנדלען מיט ליקער.

פרייד אף איזראעל בענעפיט סאסייטי

לאזט וויסען טאראנטאר אידען אז מיט גרויס מיה איז איהר געלונגען צו אראנ־זשירען דעם בארימטען ארעמער חזן

משה שטיינבערג

וועלכער וועט דאווענען

פרייטאג און שבת

פרשה מטות ומסעי

דעם 1 און 2טען אויגוסט

אין דער

לאנדאנער שוהל

— מיט חזן —

דארסקינדס כאהר

טיקעטס צו באקומען ביי אלע מיטגליע־דער פון דער פרייד אף איזראעל, און ביים שמש פון שוהל.

ספעשעל צו די ארעמער אידען! איהר האט איצט א געלעגענהייט צו הערען אונזער בארימטען חזן ר׳ משה שטיינ־בערג. באזארגט זיך מיט טיקעטס באצייטענס.

זומער מיטגלידער קאמפיין

פון אידיש נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד

דער שטאדט קאמיטעט פון פארבאנד פיהרט אן א זומער קאמפיין צו דערגרייכען די צאהל פון טויזענט חברים אין שטאדט.

שליסט זיך אן אין פארבאנד

ווערט א מיטגליד אין איינעם פון די 8 ברענטשעס אין שטאדט. א פרייען קוארטאל צו יעדען נייעם מיטגליד וועלכער שלאגט זיך פאר אין חודש אויגוסט. פאר אינפארמאציע זיך ווענדען צו די ברענטש סעקרעטארען אין פארבאנד אינסטיטוט יעדען אווענט, 24 סיסעל סטריט, טעלעפאן טריניטי 3040, אדער צו י. רובינאף, סעקרעטאר פון שטאדט קאמיטעט, טעלעפאן טריניטי 5640. יעדען זונטאג א חבר׳שער ארויספאהר אין אן אנדער פלאץ. לעזט אונזערע אנאנסען וואו מיר פארברענגען די זונטאגס.

עזרת נשים פיקניק

(גרינדערס פון אידישען האספיטאל)

היינט זונטאג

אין סקארבארא הייטס סטאפ 33

א טאג פון בלויז פארגעניגען, פרייע רעפרעשמענטס, רייסינג און אנדערע אמוזירונגען.

אלע טאראנטאר אידען זענען איינגעלאדען צום פיקניק קומט און פארברענגט מיט אונז א פרעהליכען טאג.

מיט אכטונג, פרעזידענט און קאמיטע.

ראזא זילבערט ע״ה

דאס מענעדזשמענט און די פערזאנאל פון

סטענדערד טעאטער

דריקען אויס זייער טרויער אויפ׳ן פארלוסט פון דער טראגיש אומגע־קומענער אידישער באליבטער שוישפילערין

ראזא זילבערט

וועלכע האט פארלוירען איהר לעבען אין דעם שיף אומגליק.

מיר שיקען א הארציגען טרייסט צום געבליבענעם מאן און איהרע עלטערן.

סטענדערד טעאטער מענעדזשמענט. טאראנטא.

HIPPODROME

פאנגט זיך אן מאנטאג

בילד־שעהנע מיידלאך אדער נאכיאגענדיגע מאנסבילען! ווער פון זוי איז דער „פיינדליכער געשלעכט"?

בעטי קאמפסאן

אין דער ערשטער פון די בארימטע פערציג

„דער פיינדליכער געשלעכט"

די געשיכטע פון א בייבי־וואמפיר און די סטרונע פון רייכע פארגעטערער.

HANLAN'S POINT – הענלענס פאינט

פונקט נעגענאיבער דעם בעי

אלע אמיוזמענטס זענען איצט אפען

זונטאג א בענד קאנצערט

נאכמיטאג און אווענט

שיפען יעדע 15 מינוטען ביים בעי סטריט דאק.

דער מאנאסטריטשער רבי

אדמור ר. יהושע העשיל שליטא

וועלכער איז איצט צו גאסט אין שטאדט

וועט זיין אין שטאדט ביז מיטוואך. די אידען פון טאראנטא, ווי אויך פריינט און באקאנטע, וועלכע וויסען פון זיין גדלות און פון זיין רבנישקייט, קענען איהם זעהן ביי מר.

מאראניק, 64 מאררי סטריט

(נייער מיקאל)

אפיס־שטונדען:
10 פריה ביז 12 בייטאג.
1 בייטאג ביז 8 אווענדס.

Dr. A. S. FAUMAN

טעלעפאן עדלייד 4280

דענטיסט

164 קווין סטריט וועסט

נאטירליכע ווי לעבעדיגע ציינער אויף פליימס וואס פיטען. אויב איהר מוזט האבען א פלייט — לאזט מיר אייך מאכען א סעט פון דיעזע וואונדערבארע ציינער, און איהר וועט זיין צופרידען. דר. פאומאן קאן אייך געבען אבסאלוטע צופרידענהייט אין אייער דענטאל ארבייט צו א פרייז, וואס איז אין די גרענעצען פון אייער דערגרייכבארקייטען. בלויז פאר דיעזען מאנאט.

א סינגעל סעט $10.00

דר. א. ס. פאומאן, 164 קווין סטריט, וועסט

קויפט אייערע קוילען פון

יאנאווער בראדערס

וואו איהר באקומט בלויז גוטע הארטע קוילען.

288½ קווין סט. וועסט. רעזידענץ טריניטי 8781. אפיס טעל. עדלייד 3766

דר. יוליוס לעווין

דענטיסט

האט זיך אריבערגעצויגען אין נייע, שעהן אויסגעשטאטעטע אפיסעס, אין

באנק אף טאראנטא בילדינג

קווין און ספעדיינע עוו. ארייגאנג דורך 158 כפאריינא עוו.
טעלעפאן מיין 0598

ד׳ כשר בית פראדוקטס קא. לימיטעד
664 ריטשמאנד סט. וועסט
טעל. עדלייד 1559
בהכשר הר׳ גארדאן
רש. סאלאווי פרעז.
טאראנטא

KOSHER BEEF PRODUCTS CO., LIMITED
Under Government Inspection
QUALITY
664 Richmond St. W.
PHONE Ad. 1559
KOSHERUTH
J. SOLOWAY PRESIDENT
TORONTO, CAN.

איך מאך באקאנט מיינע קאסטימער און מיינע שכנים און דעם ווערטען פובליקום אז מיין וואינונג איז איצט צוזאמען מיט דער פעקטארי. איהר קענט זעלבסט קומען, אדער ארדערען אייער סחורה ביים טעלעפאן צו יעדער צייט: ווארשטען, ספעציעלע ווארשטען, ברוסט, אלערליי פאסטראמעס, געסמוקטע פיש, סעמען, ווינערס, בעלאנעס, און אזוי ווייטער.

מיינע ווארעס זענען ניט נאר א גאראנטי פאר די בעסטע אין קאנארע, נאר זאגאר אין יונייטעד סטייטס ווערט געיוזט מיין ווארע. ווענען ריינקייט און כשרות גיט אכטונג אויפ׳ן לייבעל און סטעמפ פון דער רעגירונג.

אייער אלט באקאנטער **יעקב סאלאווי.**

ספעשעל רעדאקשאן פאר קאנטרים און זומער רעזארטס.

PANTAGES
NOW PLAYING

די גרעסטע מאוויז פון אלע מוא־וויעס! דזשעק דעמפסי אין „טהי א פייט ענד ווין פיקטשורס" פון דזשע־ראלד ביומאנט. דאראטי דאלטאן און דזשעק האלט אין „דער איינזאמער וואלף" פון לואיס דזשאזעף ווענס, צוזאמען מיט א גרויסע וואדעוויל־פראגראם.

דר. ס. פערלמאן

דענטיסט

באטהערסט און דאנדאס סטריטס

טעלעפאן טריניטי 0984
הויז טעל. הילקרעסט 8269
אפען אווענטען.

טעלעפאן עדלייד 5615

דר. ט. קיימס

דענטיסט

218½ קווין וועסט
(קארנער מיקאל סטריט)
טאראנטא.

זוכט ניט!

דער מאן וואס קען פיקסען גרא־מאפאנס, סקיילס, שלעסער רעפיי־רען, נייע שליסלען, בייבי קערע־דזשעס און סטאוום געמאכט פון אלט ניי, איז דער גוט באוואוסטער

פ. שלייפער

אין 459—461 קאלעדזש סטריט

אז איך מאך גוט און ביליג, דאס ווייסט יעדער.

טעלעפאן טריניטי 6621.

סעם סאלווי

האט די בעסטע

הארטע קוילען

אלע סייזעס צו דעליווערען צו אלע טיילען פון שטאדט. ריכטיגע וואג טעלעפאנירט טריניטי 2442.

פארגעסט ניט צו געבען אייער ארדערס.

רעזידענס 50 לייקוויו עווניו.

בלויז חזן ווילאדאווסקי



איז אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג

אלס מוהל

און מסדר קידושין.

אלע עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אכבעטראכט, ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט.

קאנטרי לייט קענען מיר אויך רופען אויף זייערע שמחות.

וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו
טעלעפאן טריניטי 1076.
פאר ארימע אומזיסט.

טאראנטאר די איינציגע אידי־שע ווינדאו קלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

זיר אמענרען צו
אלערהאנד הויז.
ועקטארי. אפיסעס
און סטאר קלינינג
:עסטע ארבייט צו
יי ביליגסטע פריי־
:ען. מיר אכטען
קאנטראקטען פאר־
נאטליד און יעהרי־
ליד. 10 טערעלי
סטרים. טעלעפאן
ארעלייד 3087

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
10 TERAULEY ST

לאיער ה. מ. לעהרער

רום 312 פעדעראל בילדינג. טעלעפאן עדעלייד 4651 — 4652
טראסט און פריוועט פאנדס פאר ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.

מיר קענען פארקויפען אייער צווייטען מארגיידזש
אויך געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגעדזשעס.

פעקטאר און שולמאן, לאיערס

מענינג טשעמבערס 72 קווין סט. וועסט. טעלעפאן מיין 4359.

לאיער בירענבוים

אפיס
דאמיניאן באנק בילדינג
קארנער קווין און בעי.
טעלעפאן אדעלייד 7287.

וואוינונג
226 בעווערלי סטרים.
טעלעפאן טריניטי 7406.

לאיער סאל אייזען

באריסטערס, סאליסטער, און נאטארים.
קאמישיאנערס פאר אנטאריא און קוויבעק.

געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס

דאמיניאן באנק בילדינג
קאר. בעי און קווין סטריטס רום 4
טעלעפאן עדלייד 3083.

רעזידענס
484 מארקהאם סטרים.
טעל. טריניטי W 1904

לואיס מ. סינגער

לאיער און נאטארי פאבליק
קאמישיאנער פו זאלע פראווינצען פון קאנאדע.
לאא אפיס 154 סימקא סטרים.

די נייע טעלעפאן נאמבערס זענען: עדלייד 7965 און 7966

ליא. א. מאלדאווער

לאיער און נאטארי פאבליק
געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.
רום 507 פעדעראל בילדינג, ריטשמאנד סטרים.
טעלעפאן עדלייד 2178.

לאיער גלאסס

רום 36—37 אימפיריעל באנק בילדינג. קארנער יאנג און קווין.
טעלעפאן עדלייד 6089 רעזידענץ מיין 1322
געלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.

טעלעפאן עדלייד 7437. רעזידענץ: טריניטי W 7024.

לאיערס סאקלאף און גאלדסטיק

געלט צו לייען אויף ערשטע און צווייטע מארגיידזשעס.
רום 211־212 מענינג טשעמבערס 72 קווין סט. וועסט

לאיער דזשאזעף גארדאן

באריסטער, סאליסיטאר א. אז. וו.
רום 822 פעדעראל בילדינג
85 ריטשמאנד סטריט, וועסט. טעל. מיין 1150. רעזידענץ טריניטי 3195

לאיער הערי ראזענבערג

באריסטער, סאליס־טאר, נאטארי פאבליק.
געוועזען מאלדאווער און ראזענבערג
אנאנסירט צום אידישען עולם, אז ער האט איצט געעפענט אן אייגענעם אפיס אין

202 פעדעראל בילדינג

ערשטער פלאר, קארנער ריטשמאנד און שעפארד סטרים.

טעלעפאנס: רעזידענץ קענוואוד 6199
אפיס עדעלייד 4504

לאיער ד. גאלדסטיק

לאו אפיס אין 211—212 מענינג טשעמבערס.
פאטענט אטארני
72 קווין סטריט וועסט
טעלעפאן עדלייד 7437 — רעזידענץ קענוואוד 4132

אויב איהר דארפט גע־זעצליכע פאפירען

אלע געזעצליכע פאפירען, סיטיזען פייפערס אפידייוויטס א.ד.ג. ווערען געמאכט פון

ה. וויינבערג

דזשאסטיס אף פיעס

אין אפיס פון „אידישען זשורנאל"
253 קווין סטריט וועסט